STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04021

MELOKHE BEZUYAH

I. A. Lisky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. א. ליסקי

מלאכה בזויה

דערציילונג

פאַרלאַג : י. נאראדיצקי און זין
לאָנדאָן 1947

פון זעלבן מחבר

אַ באַנד דערציילונגען אונטערן נאָמען „פּראָדוקטיוויזאַציע" 1937

אַ דערציילונג אונטערן נאָמען „פּאַר, דו קליינער קאָזאַק" 1942

די כאַראַקטערן אין דעם בוך

זענען ריין בילדלעכע

The characters in this book are all fictitious

די צייכנונגען: „אינספּיראַציע" און „דער אַרונטערגעריסענער שלייער"

זענען פון ד ו ד ב א מ ב ע ר ג געחתמ'עט 1947.

I. A. LISKY

A HUMILIATING PROFESSION

Short Novel

Copyright I. A. LISKY, *London*
Published by I. NARODICZKY & SONS

1947

The two drawings for this book are by David Bomberg and dated 1947.
Titles: Inspiration and Disrobing.

PRINTED BY THE NAROD PRESS (T.U.), 129-131 CAVELL ST., LONDON, E.1

הקדמה

דאס גאנצע גייסטיקע לעבן פונם מענטשן, זיין גאנצע מלוכה פון דענקן און פילן איז באפעלקערט מיט סימבאלן און בלויז מיט סימבאלן קען דער מענטש אפערירן, די מינוט, וואס ער טרעט אפ פון דער קאנקרעטער, פיזישער אקטיוויטעט. און אפילו אין זיין פיזישער אקטיוויטעט, איז אויף וויפל זיין מח און הארץ נעמען אין דעם אנטייל, ארבעטן אויך דעמאלט די סימבאלן מיט אים מיט. דער סימבאל איז א פאראלגעמיינערונג, א גענעראליזאציע פון ענלעכע אייגנשאפטן, וואס ווערן ארויסגעהויבן פון פארשידענע זאכן און געשעענישן, און אויפגעבויט אין איין אבסטראקטן באגריף. אין דער וויסנשאפט און אין דער פילאסאפיע, אין דער מוזיק און אין דער מאלעריי, אויף אלע געביטן פון קונסט און ליטעראטור מוז מען אפערירן מיט סימבאלן. דער ציפער איינס, פונקט ווי יעדע מוזיקאלישע נאטע, און יעדער ווארט איז שוין א גענעראליזאציע. אזוי ווערן געשאפן פון אויבן ביז אראפ סימבאלן און סימבאלן פון סימבאלן. מיט סימבאלן דענקן מיר, מיט סימבאלן רעדן מיר, מיט סימבאלן דריקן מיר זיך אויס און פארשטענדיקן זיך. אונזערע דערינערונגען באשטייען פון סימבאלן, אונזערע אסאציאציעס שאפן זיך פון סימבאלן.

דער קינסטלערישער סימבאל ווערט ארויסגעצויגן און אבסטראהירט פון די מענטשלעכע אייגנשאפטן. אין די פארשידנסטע מענטשן דערזעט דער קינסטלער געמיינזאמע שטריכן, נייגונגען און אספיראציעס. אין די פארשידנסטע היסטארישע געשעענישן דערזעט ער א געמיינזאמען

מאראַלן כח. ער אַבסטראַהירט אַט די געמיינזאַמקייט, אַט די קרובה־שאַפט זייערע, און שאַפט אַ גייסטיקן בנין, אַ ווייטע אַרומנעמנדיקע קאָנצעפּציע, אַן עטישע און עסטעטישע אידעע, אַ קינסטלערישן סימבאָל. אָבער זיין אַרבעט איז אַ טאָפּלטע, ער מוז דערנאָכדעם די אַבסטראַקטע אידעען אָנטאָן אין בלוט און פלייש, אין קאָנקרעטע געשטאַלטן, וואָס פירן דורך קאָנקרעטע מעשים און זענען אַרומגערינגלט מיט קאָנקרעטע קעגנשטאַנדן. אָפט זענען זיי אַפילו באַשריבן מיט אַ סך איינצלהייטן און קלייניקייטן, וואָס זענען נויטיק, כדי צוצוגעבן דעם כאַראַקטער און טיפּ פון דער געגעבענער שאַפונג אַ נאָך מער קאָנקרעטן און לעבעדיקן עפעקט און כדי אַזוי אַרום צו ווירקן אויף אונזער פאָרשטעלונג, אויף אונזערע געפילן און געדאַנקען, ווייל דער מענטש ווערט אַלץ מידער, וואָס ווייטער און אַבסטראַקטער ער לאָזט זיך אַריין אין גייסטיקע סימבאָלן, און זיין האַרץ הויבט אָן אויף דעם ווייטן וועג אַלץ מער און מער אָפּצושטיין. דערפאַר זענען די כאַראַקטערן אין אַ קינסטלערישער שאַפונג (נישט געקוקט אויף זייער אַבסטראַקטן סימבאָלישן ווערט און מיין) אַזוי נאָענט, און ס׳ווייזט זיך אונז אויס, אַז אַט דערקענען מיר זיי, אַז אַט זען מיר זיי און אַט הערן מיר זיי; און דאָך זענען מיר זיך זער אָפט גאַנץ גוט באַוווּסט, אַז זיי זענען נישט ענלעך, נישט אויף דעם, און נישט אויף יענעם, און זיי זענען נישט די פאָטאָגראַפיע פון קיינעם. זיי זענען אַ קאָמבינאַציע פון די אַלמענטשלעכע ווערטן, שטרעבונגען און אידעאַלן, פון טיפע אַנגעווייטיקטע מענטשלעכע קריוודעס, פון ווייט־טראַגנדיקע היסטאָרישע און סאָציאַלע געשעענישן, אין זייער קינסטלערישער, קאָנקרעטער און לעבעדיקער געשטאַלטונג, אַזוי ווי זיי ווירקן זיך זער אָפט טאַקע אויס אין דעם בלוט און פלייש, אין דעם געפיל און מאַרך פון מענטשן.

דער נאָמען פון אַ בוך איז דער סימבאָל פון אַלע יענע סימבאָלן, וואָס באַפּעלקערן די געגעבענע קינסטלערישע שאַפונג. צוויי סימבאָלן האָבן אַרויסגעשטעלט די זעלבע רעכט אַנצונעמען דעם נאָמען פון מיין בוך. דער ערשטער סימבאָל האָט באַדאַרפט הייסן: „ערב דעם חורבן״, דער צווייטער נאָמען איז: „מלאכה בזויה״. איך האָב אָנגענומען דעם צווייטן נאָמען און אָנגערופן דאָס בוך „מלאכה בזויה״, ווייל איך האָב געוואָלט אַנטלויפן פון דעם שוואַרצן שאָטן, וואָס איז מיר נאָכגעלאָפן צוזאַמען מיט דעם ערשטן נאָמען: „ערב דעם חורבן״. כאָטש מ׳קען פון דעם שאָטן נישט אַנטלויפן, פונקט ווי מ׳קען נישט אַנטלויפן פון זיך אַליין.

מלאכה בזויה

1

די אויבערשטע ליפּ אריינגעלאָזט אין דער אונטערשטער, ווי מ'רוקט אריין די הענט אין די אַרבל ווען ס'פרירט, איז ער געזעסן איינגעגראָבן אין זיך, — באַגלייך ער וואָלט געוואָלט צוריק פאַרקריכן צו דער מאַמען אין בויך אַריין, — און מיט אַלע אברים האָט ער געפּרוווט אַרויסצוטרייבן פון זיך די אינעווייניקסטע קעלט...

ער האָט ווידעראַמאָל צווישן די פינגער געדרייט די גלאַטע שוואַרצע פּול-פּעדער, געדרייט און געקלאַפּט מיט איר אין טיש, אָבער מער ווי איבערשרעקן אַ פליג וואָס האָט זיך געשטעלט אויפן גלאַנציקן ווייסן בלאַט, האָט ער נישט געקענט. דאָס שרייב-געצייג, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין רוקן אַהין און אַהער, האָט שוין אָנגעשפּאַרט אין אַנדערן עק. דער אַש-בעכער האָט אָנגעהויבן איבערצוגיין מיט שטיקלעך אָפּגעברענטע ציגאַרלעך און צעריסענע שטיקלעך באַשריבן פּאַפּיר.

ער האָט געוואָרפן מיט ווערטער, ווי אַ צעפּאַליעטער יונג, וואָס וואַרפט מיט נים און קען נישט טרעפן אין קאָן אַריין...

ס'האָט אין אים געזאָטן דער כעס און ס'איז אים אין האַרצן גע־וואַקסן דער פאַרדרוס. די ווערטער האָבן אים אָנגעהויבן דערמאָנען אין דעם אויסגעמערגלטן בוזעם פון אויסגעלאַסענע, אַלטע ווייבער און אין די אויסגעמאַרכעוועטע פּנימער פון צעבראָכענע הולטאַיעס...

אָט איז ער צוגעפאַלן צו אַ וואָרט און תיכּף האָט ער עס צוריק אַרויסגעלאָזט, ווי אַ הונגעריק קינד, וואָס ווערט באַליידיקט ווען מ'פאַרשטאָפּט אים דאָס מויל מיט אַ טרוקענער, אויסגעזויגענער ברוסט. ער האָט די ווערטער גוט פאַרמאַדזשגעט מיט טינט און ער איז ווידער

געבליבן ביי'ם ליידיקן פּאַפּיר... ס'איז אים נישט מעגלעך געווען זיך צוצושלאָגן צו דער ליבער שיין פון אַ ריין וואָרט...

ער איז אויפגעשטאַנען און פּאַמעלעך זיך גענומען אָפּרייניקן פון דעם טיש. דאָס ווייב האָט פיינט אָנצוטרעפן אין דער פרי די אויסגערויכערטע שטיקלעך ציגאַרעטן, און דאָס אַש אָנגעוואָרפן אויף אַלע כלים. ער האָט אַראָפּגענומען אַ טעפּעלע, אַוועקגעטראָגן דעם צוקער, באַהאַלטן אַ ביסל מילך אין פלאַש, און פאַררוימט אַ פּאָר קליינע טעלערלעך, וואָס האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אונטער די הענט. זיין קאָפּ איז אָבער נאָך אַלץ, די גאַנצע צייט, געווען אָנגעשטעלט אין דער שטילקייט, ווי ביי אַ טורטל-טויב, וואָס הערט זיך גוט איין אין דעם רוים, איידער זי הויבט זיך אויף אין דער לופט און צעשפּרייט די פליגל צו פליען. פּלוצים האָט זיך ביי אים דער האַלדז אַ דריי געטאָן אין אַ זייט, ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט דעם וואַרימען קלאַנג פון אַ פול, זעטיק וואָרט. ער האָט עס אַ פּרוּוו געטאָן צו נעמען אויף די ליפּן, און דערפילט אַז דאָס וואָרט איז אויסגעהוילט און צעגעסן. דאָס פעטע חוצפּה'דיקע בייכל פון קלאַרא וואַנסמאַן האָט אים דערביי אַ שפּאַר געטאָן אין די אויגן אַריין — „דאָס וואַקסט אויס אומעטום ווו מ'פאַרזייעט עס נאָר נישט, אויף אַלע זיצונגען אויף אַלע פאַרזאַמלונגען, אויף אַלע פאָרלעזונגען, אין יעדן לאָך...“ — האָט ער געבורטשעט. ער האָט פאַר זיך געזען קלאַרא וואַנסמאַן, ווי זי דרייט זיך אַזוי מיט דעם רירעוודיקן אונטן, קנייטשט איר צוגעפּלעטשטן שטערן און וואַרפט מיט די שרעקעוודיקע שאַרע אייגלעך, וואָס שטאַרצן אַרויס איבער דער משופּע'דיקער נאָז. פאַר זיינע אויגן איז נאַקעט געלעגן די נאָז, ווי זי לויפט זיך כמעט צענויף מיטן מויל און פאַרגנב'עט זיך צום גאָמבעלע קיילעכדיק אַרונטער, ווי ביי אַ מויז, וואָס נישטערט אַרום אין די שפּייכלערס, צעפּרעסט די פולע זעק, גריזשעט אויף די יאָדרעס, צעשיט די זאַפטיקע קערנער און מישט זיי דורך מיט מויזן דרעק...

די האָר האָבן זיך אים נאָכגעלאָזט און געדעכט געפאַלן אויפן שטערן און אין די אויגן. חיים אייזנבערג האָט נישט געפילט ווי

אזוי ער איז שוין אריינגעשפּאַנען מיט איין פוס אין צווייטן טאָג אריין. מיטאַמאָל האָט ער זיך גענומען אויסגלייכן די פּלייצע, וואָס האָט אים געבראָכן אין די לאָפּעטקעס און געפּרווט זוכן עפּעס, וואָס ער וואָלט געקענט טאָן, אַז ס'זאָל אים אַלעס ווערן מער צו דער האַנט, נאָר דאָס שטילע, דערוואַרטנדיקע קלאַפּן אין דעם דינעם ווענטל, דורך וועלכן דאָס ווייב האָט אים גערופן, האָט אין אים געוועקט אַ געפיל פון פיינ־לעכער שולד און פון פאַרדריסלעכער אָפּהענטיקייט. די אַקסלען האָבן זיך אים נאָך מער איינגעקאָרטשעט און ער האָט זיך פּאַוואָליע אריינ־געשאַרט אין צווייטן צימער.

אויף די פרייליך גלאַנצנדיקע שטערן, וואָס האָבן, דורכן פענצטער, געשניטן די אויגן מיט דעם טיפן וויים-בלויען בלישטש פון וואונדער־לעכע פּלאַנעטן, און געלאַשטשעט מיט די ווייכע געל־ווייסע שטראַלן פון ווייטע זונען, האָט די לבנה, אין סוף חודש, געקוקט מיט דער אויפגעהויבענער ברעם פון אַ פאַר'חידוש'טער יונגער פרוי...

ער האָט אויפגעדרייט דאָס ליכט. פון אונטער דעם פּאַפּירענעם, גרינלעך־געבלימטן שירעם, וואָס איז געהאָנגען איבער דעם עלעקטרישן לעמפּל, איז געפאַלן אַ בלאַסע שיין און אָפּגעשלאָגן אַ מאַטן שאָטן אויף עלקע אייזנבערג'ס איינגעוואָרעמטן, צאַרטן, האַלב לענגלעכן פּנים. דער אונטערגעהויבענער קאָפּ, וואָס איז געווען פאַרקעמט אויף אַרויף מיט אַ קראַנץ געדעכטע קאַשטאַן האָר, האָט זיך אַ וויג געטאָן אויף איר דינעם האַלדז, ווי אַ פולע טיי-רויז אויפן לאַנגן שטענגל.

— איך האָב דיר נישט איבערגעשלאָגן? — האָט זי געפרעגט און מילד געקוקט אויפן מאַן מיט אירע לאַנג געשניטענע און ווייט צעעפנטע טונקל ברוינע אויגן.

— האָסט שוין עפּעס אַ סך אָנגעשריבן?... ווו האַלטסטו דאָרט? ליין עס מיר איבער!...

חיים אייזנבערג האָט נישט געענטפערט, ער האָט בלויז אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער צונג אין גומען...

ביים בעט זענען געשטאַנען עלקע'ס אָפּגעזעצטע שיך מיט די אויסגעדרייטע קנאָפּל. ער האָט גוט באַטראַכט די ביליקע, האַרטע

לעדער, וואָס האָט עלקען נישט אויפגעהערט אָפּצוקוועטשן די פּיס, ביז די שיך האָבן אומגאַנצן נישט פאַרלוירן דאָס פּנים. — „עלקע האָט דוקא געזאָגט, אַז די שיך הויבן איר שוין איצט אָן צו ווערן גאַנץ באַקוועם, ס'איז אָבער אוממעגלעך געוואָרן אין זיי אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין, דערבײַ זיצן זיי עפּעס נישט גענוג פעסט אויפן פוס און עלקע מוז זיי די גאַנצע צײַט נאָכשלעפּן..."— חיים אייזנבערג האָט זיך גראָד דערמאָנט ווי אַזוי עלקע האָט געהאַלטן די פּיס טיף אַרונטערגערוקט אונטער איר בענקל אַרונטער, אַז מ'זאָל די צעדרייטע שיך נישט אַרויסזען, ווען ער איז מיט איר געזעסן אין קאַפע־הויז...

* * *

ווי אַלעמאָל, האָבן דאָרט אויך דעמאָלט נאָכמיטאָג די ליטעראַרישע פּני, מיט אַ זשום, געקלעפּט אַרום די טישלעך. פּאָעטן, בעלע־טריסטן, קריטיקער עסייאיסטן און הומאָריסטן האָבן געטרונקען טיי און גערעדט וועגן בראָנפן. זיי האָבן געטריבן רכילות און מיט די אויגן געגנישטערט אין די פאַרשידענע אויסגאַבעס, צי איז אַמאָל נישטאָ אַ געדרוקט וואָרט וועגן זיך, און צי רייסט מען נישט ערגעץ דעם „פּריינט" אַ קריוש... אין אַ צעדרייטן קאַפּעליוש, פאַרוקט אין אַ זײַט, האָט איינער געגראָבן זײַן דאַרע, אַרויסשטאַרצנדיקע נאָז אין אַ בינטל פּאַפּירן און צײַטונגען, צווישן וועלכע ס'איז געלעגן אַ קאָרעקטור פון אַ ליד, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָפּגענומען פון דעם דרוקער. דער פאַרשמאַלצעוועטער קאָלנער האָט אים געריבן און דערקוטשעט בײַם האַלדז, אויף דער שפּיץ נאָז האָט געקיצלט אַ טראָפּן, וואָס האָט געהאַלטן בײַם אַראָפּפאַלן, דאָס מויל האָט געסלינעט און זיך פאַר־גאָווערט מיט ניבול פּה, און בשעת מעשה האָבן די קעסאָקע אויגן גע־גלעט דאָס אויסגעצאַמטע, ראָמאַנטיש־אָפּגעטאָקטע לידל זײַנס.

אַנטקעגן אים איז געזעסן אײַנגעבויגן אַ קיילעכדיקע פּלייצע אין אַ לעכטיק געשטרייפטן רעקל פון אַ לײַכטן קאַווע קאָליר, גלײַך פון „רידזשענט סטריט", און אים געהאַלטן אין איין דערציילן ווילדע נסים פון אָסקער ווײַלד'ס „אייניקלעך"...

י. א. ליסקי

דער דיכטער האָט אַלעמאָל אַ טשמאַטשקע געטאָן מיט די ליפּן און געענטפערט — „מתוק ודאָסיק"...

ביי דער זייט, האָט פון אויבן אַראָפּ איבער זיי געשמייכלט די יוסטע פיגור פון דעם גרויסן קריטיקיר. די רויטע, פליישיקע נאָז האָט זיך ביי אים געשטעלט אין פּראָפיל און ער האָט פויל און מאַיסטעטיש געצויגן זיינע פאַרנעפּלטע ווערטער. די ווערטער זענען געווען קאַלט, נאַס און גליטשיק, זיי האָבן אָבער, ווי שטענדיק, געהאַט אַ מין משונה'-דיקן כח אין זיך און ס'איז זיך שווער געווען פון זיי אָפּצושאָקלען, כאָטש זיי האָבן זיך געלייגט אויפן האַרץ און מאַלאַיעט אין בויך, ווי אָפּגעגאַנגענע דיניע קערלעך אויף אַ לײדיקן מאָגן... דאָ אין קאַפע-הויז איז ער געווען אַ צופעליקער גאַסט; ווייל ער קען נישט ליידן די יידישע שרייבער, וואָס ניזשדען זיך דאָ כסדר אַרום און וואָס פאַר-מאָגן נישט קיין שום „טאַקט". ער האָט אויך נישט איבריק ליב די יידישע ליטעראַטור, „וואָס איז פּונקט אַזוי „עקזאָטיש", ווי די קאַפּאַ-טעם און שטרייימלעך", און בכלל איז ער נישט קיין „יידישיסט", כאָטש ער שרייבט אויף יידיש. ער האָט דערביי שטאַרק פאַראיבל אויפן יידישן פאָלק פאַרוואָס מ'זעט נישט, אַז ער זאָל קענען מאַכן אַ מער מענטשלעך לעבן פון זיין שרייבן און פאַרוואָס ער קען אפילו נישט גענוג אַנשטענדיק אויפהאַלטן זיין באַשיידענע דירה אין דער רייכער קריסטלעכער געגנט.

זיי זענען דאָרט אַלע געזעסן און, ווי די בייזע מעוווכערניקעס, איינער אויף דעם אַנדערן געלויערט און, אַלעמאָל האָט איינער דעם צווייטן אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַריין אַ גיפטיק שטעכווערטל, אָדער אַ פוילע, צווײדייטיקע חניפה... ווי די קורעלאַפּניקעס האָבן זיך די דיכטער און דענקער איינער דעם אַנדערן אויסגעטאַפּט און איינער דעם אַנדערן געפּרוווט איינצורעדן די אייגענע „גבורה"; אַ יעדער האָט זיך געמיצט אויסצונעמען ביים צווייטן און מיטן קוק אים אָפּצונאַרן און צו פאַראַטן...

זיין חלק, האָט אויך חיים אייזבערג אַריינגעכאַפּט, דאָס מאָל, אונטערגעשלאָגן מיט לויזע, אומגעלומפּערטע שבחים פאַר עלקען; נאָר

מלאכה בזויה

קיין איינער פון זיי האָט נישט דערמאָנט אַ וואָרט וועגן חיים אייזנבערג׳ס בוך, וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק דערשינען, באַגלייך דאָס וואָלט מיט אים גאָרנישט געהאַט צו טאָן און וואָלט אים און זיי אומגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען.

...אַ ליאַדע אָפּשניט, וואָס חיים אייזנבערג האָט דאָ געקריגן, האָט אויף עלקעס מח געפּרעסט נישט ווייניקער, ווי דער שווערסטער נויטפאַל, אין וועלכן זיי האָבן זיך ווען ס׳איז נישט איז געפונען. די קנאה און שנאה, וואָס האָט זיך דאָ פון דער אַרומיקער סביבה און פון די אַלע שרייבער שטענדיק געטראָגן, האָט זי געגאַנגט ביי דער נשמה און אין דער זעלבער צייט אין איר געכאָוועט אַ געפיל פון טיפער מיטלייד צו איר מאַן. און די מיטלייד איז אין איר געוואַקסן אינאיינעם מיט אַ הייסן גלויבן אין אים. נאָך יעדן דורכפאַל, וואָס ער האָט געהאַט, איז זי געוואָרן, וואָס אַמאָל, אַלץ שטאָלצער אויף אים; וואָס אַמאָל, אַלץ זיכערער אין דעם גרויסן ווערט פון זיין שאַפן...

אין סאַמע ברען, האָט מיט אַ דריבנע טריטעלע אַהער אַריינגעדראַלעט קלאַרע וואַנסמאַן, אין איר פוטערנעם מאַנטל (וואָס אַ חבר, אַ קירזשנער האָט זער קונציק צענויפגעשטעלט פאַר אַ ביליקן פּרייז, און אין זיין פרייער צייט ספּעציעל פאַר איר אויפגעניט), מיט די פאַלעס ברייט צעעפנט, ווי אַ מחותנת׳טע אויף אַן אָרעמער חתונה. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויבן אָן ביי אַ שכנותדיקן טישל און זיך געהייסן ברענגען אַ גאַנצן טשייניק טיי מיט פאַשידענע געבעקס און לעקעך. נאָך איידער מ׳האָט איר געבראַכט די באַשטעלטע פּאָרציע, האָט זי זיך אַלעמאָל פאַמעלעך צוגערוקט צו אַן אַנדערן שריפטשטעלער: זיך געשושקעט מיט אים אויפן אויער און יעדעס מאָל אַ צווייטן גערופן צו איר טישל, מ׳זאָל זיך „צענויפרעדן"...

— „איר מוזט אונז העלפן פאַרשפּרייטן ליכט אויף דער יידישער גאַס... מיר דאַרפן מאָביליזירן אַלע אונזערע כחות אויף צו הויבן דעם קולטור מצב אין ווייטשעפּל"... — איר צינגל האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויפן גלייכן וועג און ס׳איז געגאַנגען ווי געשמירט... דער

באַס־קול אירער האָט מיט אַ כריפּ לאַנג און זלידנע געהודזשעט איבער אַלע טישלעך, ביז זי איז צום סוף צוריקגעפֿאַלן צום אָנלען פֿונם בענקל, שווער אָפּגעאָטעמט, אָנגעטאַפּט דאָס קליינע זייגערל אויף דער גראָ־בער האַנט, זיך צעלאַכט, וואָס זי האָט גאָר אומגאַנצן פֿאַרגעסן אין דער טיי, פֿאַרויכערט אַ ציגאַרעטל, טרוימעריש פֿאַרקאַטשעט די שאַרע אייגלעך, און איינגערוימט דעם שרייבער, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איר, אַז זי וועט זען צו „קאָלפּאָרטירן“ זיינע ביכער...

זיכער אין איר אייגענער קראַפֿט און אין דעם כשוף פֿון אירע ווערטער; זיכער, אַז זי קען זיי אַלע אַרומוויקלען אַרום איין פֿינגער, האָט קלאַראַ וואַנסמאַן מיט חשק זיך גענומען לייטיש דערקוויקן דאָס האַרץ.

מיט חיים אייזבערג האָט זי עס 'געמאַכט קורץ און שאַרף. ווייל ער איז „צו טרוקן“. זי האָט דערפֿאַר אָנגעהויבן גלייך פֿונם סוף. היציק, האָט זי אים פֿאַרזיכערט, אַז זי שאַצט אָפּ דעם גאַנצן ווערט פֿון זיין בוך און אַז זי וועט עס פֿאַרשפּרייטן צווישן דער יוגנט, און זען, אַז אויך אירע פֿריינט זאָלן דאָס בוך „קאָלפּאָרטירן“.

— איך האָב נאָך נישט אייער בוך, איר ווייסט, חבר אייזבערג? גיט מיר אייער ווערק, חבר, און שיקט אויך צו דערווייל אַ טוץ ביכער אויף מיין אַדרעס... זי האָט אַרויסגעכאַפּט אַ קליין ווייס אַדרעס־קאַרטעלע מיט אַ גאָלדן ראַמעלע און עס אים אונטערגעטראָגן. דאָס ברייטע מויל האָט זיך ביי איר דערביי צעעפֿנט מיט דעם געזעצטן שמייכל פֿון אַ געריבענער בעל׳טובה׳ניצע.

חיים אייזבערג האָט איר צוריקגעגעבן דאָס וויזיט־קאַרטעלע און איר געזאָגט, אַז די ביכער קען מען קריגן ביים דרוקער, איז אויב זי וויל, קען זי זיך צו אים ווענדן. ביי זיך האָט ער בלויז איין קאָפּיע. ער האָט איר דערלאַנגט דאָס בוך און געוויזן דעם פּרייז.

קלאַראַ וואַנסמאַן האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט. זי רעדט נישט גערן וועגן קיין געלט. די הויפּטזאַך איז דאָך, אַז די ביכער זאָלן פֿאַרשפּרייט ווערן. זי האָט דאָס בוך אַרונטערגערוקט אונטער דעם אָרעם אינאיינעם מיטן האַנט־בייטל, זיך גע׳חנ׳דעלט מיט איר „אומ־

באהאָלפנקייט" און זיך באַרימט, אַז זי איז שטענדיק אַזוי פאַרטראָגן, אַז זי קען נאָך דאָס בוך איבערלאָזן אויפן בענקל צוזאַמען „מיט איר גאַנצן פאַרמעגן..."

עלקע האָט זיך געשעמט אויפצוהויבן די אויגן, נאָר זי האָט ביז אין דעם מאַרך פון אירע ביינער דערפילט, ווי אַזוי חיים אייזנבערג איז געבליבן זיצן, ווי מיט אונטערגעהאַקטע פליגל...

נאָך איידער קלאַראַ וואַנסמאַנ'ס אַרט האָט זיך אָבגעקילט, איז פּינקטלעך צו דער צייט, ווי ער פּירט זיך, יצחק קאַלעכשטיין אויך איצט אַריינגעקומען האָבן זיין טיי. ער האָט געשפּאַנט, ווי פון אויבן, באַגלייך ער וואָלט די ערד נישט באַרירט און דעם שווערן קערפּער האָט ער געטראָגן לייכט און שטאַרק באַזאַכט, ווי מ'טראָגט אַ טייערן פאַר-צעלאַן.

— וואָס מאַכט איר, מיסעס אייזנבערג, ווי גייט עס אייך? — האָט ער זיך מיט אַ טיפן נויג געווענדט צו עלקען, און אויך חיים אייזנבערגן צוגעטיילט אַ שפּיץ פון זיין פיין־בריאה'שן געלעכטערל...

— קען מען זיך זעצן ביי אייער טישל?

עלקע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו מאַכן אַ גוטע מינע און אויס-צוזען פריינטלעך...

פון דעם פלאַכן, ציכטיקן פּעקל, וואָס יצחק קאַלעכשטיין האָט געהאַלטן אין דער האַנט, האָט אַרויסגעקוקט דער פעט געדרוקטער טיטול אויף דער ערשטער, נאָך צאַפּלדיקער קאָפּיע פון אַ נייעם בוך.

— יעקב לייב מישזאָן איז דאָ נישט געווען?... ער וועט הנאה האָבן... איך האָב זיין בוך שוין באַקומען פונם איינבינדער — יצחק קאַלעכשטיין האָט דעם כמעט נאָך וואַרעמען עקזעמפּלאַר דערלאַנגט חיים אייזנבערגן אַ קוק צו טאָן.

— איר זענט דאָך אַ מבין אויף אַ שענער אויסגאַבע — האָט ער געזאָגט, און צופרידן געפינטלט מיט די אויגן, וואָס האָבן פאַר לויטער נחת געגומען נעצן אַרום די לעפלעך מיט די אויסגעקראָכענע ווייעס.

יצחק קאַלעכשטיין האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע דרוקעריי מיט זאַץ-

מאשינען אויף ענגליש און יידיש. זיין הויפט שפע איז געקומען פון דרוקן רייסטער׳ס, פירמע־פאפירן, צאָל־ביכלעך, באריכטן פון פאריינען, אדרעס קארטלעך, חתונה בילעטן, סידורים, מחזורים, הגדות און מיסיאָנערישע תפילה־ביכלעך מיט ביבליעס. נאָר ביי דער זייט האָט ער ליב געהאט אונטערצווינדיקן מיט פארשידענע ליטעראַרישע אויס־גאַבעס. די וואָכנשריפט וואָס ער האָט ארויסגעגעבן האָט שוין געפּראַוועט דעם פינף און צוואַנציקסטן יאָר־גאַנג. די גרעסטע העלפט פון איר האָט ער אַליין אויסגעפולט און דאָס איבריקע האָט ער איבער־געדרוקט פון אנדערע צייטשריפטן. געשריבן האָט ער איבער קונסט, וויסנשאַפט און פּאָליטיק; איבער געשיכטע, פילאָסאָפיע און רעליגיע; איבער סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, ימים טובים און גלייך־ווערטלעך... ער איז אויך געווען אַ גלענצענדער רעדנער און אַן אַלגעמיינער פאַר־זיצער...

כדי די מאשינען זאָלן נישט שטייען אַ מינוט ליידיק, און די אַרבעטער זאָלן האָבן וואָס צו טאָן, האָט ער צווישן איין אַרבעט און דער אַנדערער, ווען ס׳איז נאָר געבליבן אַ ביסל איבריקע צייט, גע־דרוקט אויך אַ בוך פון אַ יידישן שרייבער.

דער אויף׳דער׳אויף, וואָס יצחק קאַלעכשטיין האָט גענומען, האָט געמוזט דעקן דעם קרן. מיטן ריוח האָט ער שוין צוגעוואַרט ביז דאָס בוך איז פאַרטיק געוואָרן, און דער שרייבער האָט געקריגן אַביסל ביכער און איז שנעל געלאָפן זיי פאַרקויפן און אים אָפּצאָלן. זיינע פרייזן זענען געווען כיד המלך, אַזוי אַז דער ריוח זאָל קענען טראָגן אויף „טאָמער וועט דער שרייבער נישט פאַרקויפן אַלע ביכלעך“.

יצחק קאַלעכשטיין איז אַליין געווען אויך דער מבין און דער קריטיקער, און אַז ווייל איז געווען צו דעם שרייבער, וואָס האָט פאַר־קויפט שנעלער און באַצאָלט בעסער...

יידן בני רחמנים און עם הספר האָבן אָפט נישט געקענט צוזען די יסורים פון די שרייבער און האָבן אַלעמאָל אַ צווייטן אונטערגע־שטיצט מיט אַ פּאָר פונט. דאָס האָט די שרייבער געהאָלפן אַלץ גיכער און אַלץ מער צו באַצאָלן יצחק קאַלעכשטיין, וועלכער האָט לכל הדעות

אזוי פיל געטאָן פאַרן יידישן וואָרט, און נאָך דערצו געווען אַזאַ גרויסער „אידעאַליסט“ און אַזאַ „איבערגעגעבענער מענטש“.

חיים אייזבערגס פינגער האָבן זיך אויסגעצויגן און ווי דינער געוואָרן, ער האָט ווייך אַ טאַפּ געטאָן די בלעטלעך פון דעם בוך, וואָס יצחק קאַלעכשטיין האָט אים דערלאַנגט, באַטראַכט דעם דרוק, מיטן בליק אָפּגעמאָסטן דעם אינעווייניקסטן ראַנד פון די שורות, צי ווערן זיי נישט פאַרכאַפּט פון די שטעך ביים איינבונד, און גענומען דאָס פּאַפּיר אויף דער שיין, צו זען, צי דער זאַץ דעקט זיך פון ביידע זייטן.

— אַ פיינע אויסגאַבע קען מען פאַרגלייכן צו אַ שענער פרוי, אַזוי דאַכט זיך מיר — האָט יצחק קאַלעכשטיין זיך געהאַלטן אין איין ברעקלען פאַר עלקען, — אין מיינע מעמוארן דערצייל איך וויאַזוי איך און שלום אַש האָבן אַמאָל געריעדט וועגן דעם העכסטן צוועק פון דער קונסט, און וויאַזוי מיר זענען ביידע געקומען צו דעם באַשלוס, אַז דער שרייבער שטרעבט צו שענקייט, ער וויל ברענגען אַ ביסל שענקייט אין מענטשלעכן לעבן... — דאָס קליינע פּיסקעלע אין יצחק קאַלעכשטיינ׳ס פעטן פּנים, האָט זיך דערביי גע-האַלטן אין איין פאַרשנערעוועז און אויפשנערעוועז, ווי דאָס טאָבעסל פון אַ הון, ווען זי דאָסט זיך אויס, און די שוואַרצאַפּלען זיינע האָבן טעמפּ און זשעדנע געגלאַנצט, ווי ביי אַ קאַניע, וואָס טויטשעט זיך אַרום און פּיקעט דאָס האַרץ פון אַן אויסגעדזיאָבעטער, טויטער סטערווע.

עלקע האָט נישט געקאָנט ליידן וואָס יצחק קאַלעכשטיין גייט צו מיט אַזאַ גרינג לעבערל צו די גייסטיקע ווערטן, איבער וועלכע ער צעלייגט זיך אַזוי ברייט. זי האָט געפילט, אַז ער שווינדלט דאָ עפּעס אונטער מיט די באַגריפן און זי האָט אים דאָס נישט געקענט אָפּ-שווייגן, כאָטשע איר מאַן האָט איר נישט איינמאָל געזאָגט, אַז אָט דער ייד, יצחק קאַלעכשטיין, איז אומגאַנצן נישט ווערט די רייד.

— ס׳איז דאָך שוין היינט אַן אַלגעמיינער אמת, אַז שענקייט איז אַ רעלאַטיוועער באַגריף און אַז וואָס ביי איינעם קען הייסן שען, הייסט ביים אַנדערן מיאוס. אַ חוץ דעם גלויב איך נישט, אַז מ׳קען

אַט דעם גייסטיקן ווערט איזאָלירן, אַפילו אין אַבסטראַקטן זין, ווייל אונזערע באַגריפן איבער שענקייט זענען בלויז די פונקציע און בלויז דער פּועל־יוצא פון פאַרשידענע זער פאַרצווייגטע מענטשלעכע באַציונגען און איבערלעבונגען. איך וואָלט געוואָלט וויסן ווער ס'קען אַנכאַפּן ביי די פיס אַזאַ גליטשיקן באַגריף ווי שענקייט און אים נאָך ברענגען צו טראָגן אַ גאַנצן; און וואָס פאַר אַ טעם קען שוין האָבן אַזאַ מין קאַלטע און טויטע שענקייט? ... — האָט עלקע געפּרווט אָפּצוענטפערן, נאָר זי איז געווען אין אַ גרויסן ספק, צי זי וועט קענען יצחק קאַלעכשטיין כאַפּן ביי דער האַנט.

יצחק קאַלעכשטיין האָט דערטאַפּט אירע ווערטער און מיט אַ מבטל'דיקן שמייכל, זיך טיף אַרויפגערוקט און אויסגעגלייכט אויפן זיץ, ווי אַ געניטער שמייסער ווען ער פאַרשנייד אויפן קייזער־שטראָז.

— שענקייט איז העכער פון צייט און רוים, שענקייט איז איבער די קליינלעכע און שמאָלע אינטערעסן פון טאָג. ס'איז אָבער קינדעריש דערביי צו מיינען, אַז יעדער איינער מוז שטרעבן צו שענקייט אויף דעם זעלבן אופן, פאַרקערט, טאַקע דערפאַר וואָס יעדער פאַרשטייט די שענקייט אויף אַן אַנדערן שטייגער, איז די קונסט אַזוי פאַרשידנאַרטיק און רייך. ווי פאַרשידן ס'זאָלן אָבער נישט זיין די אינדיווידועלע פאָרמען, דינט דאָך אין תוך יעדער קינסטלער דער געטין פון שענקייט, וועלכע האָלט פונם פסוק: שמע בכל לשון שאתה שומע...

חיים אייזבערג האָט אַרויסגעלייגט דאָס בוך פון דער האַנט. אים האָט זיך זער נישט געגליסט אַריינצולאָזן מיט יצחק קאַלעכשטיין אין וויטע דרכים איבער קונסט, נאָר ס'האָט אים פאַדראָסן — „ווי אַט דער אָנגעפרעסענער נפש פאַרהיקעט זיך אַפילו ניט, און רעדט מיט אַזאַ מין נצחון וועגן זאַכן, איבער וועלכע ער האָט נישט קיין שום לעבעדיקע פאַרשטעלונג און פאַר וועלכע ער פילט אומגאַנצן גאָרנישט...“ — חיים אייזבערג האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעריסן:

— ... בכלל קען מען נישט אַזוי רעדן... וואָס הייסט עפּעס שענקייט?... גלאַט אין דער וועלט אַריין?... און פאַרוואָס פאַרשטייט, לויט אייער מיינונג, יעדער איינער די שענקייט אויף אַן

אנדערן שטייגער? פשוט, ווייל אזוי פארגלוסט זיך אים גראד, לויט עפעס אן אויפטו אזעלכן?...די פארשידענע אויפפאסונגען איבער שענקייט פארמאגן דאך א לאנגע בלוטיקע געשיכטע אונטער זיך: זיי זענען אן ארגאנישער טייל פון דעם גאנצן לעבן און פון דעם גאנצן מענטשלעכן געראנגל פארן אייגענעם קיום, און זיי שטויסן זיך דאך צעגויף אין א הייסן און פארביטערטן קאמף.

אויב דער שרייבער איז א מענטש וועמען ס'טוט עפעס וויי, א מענטש וואס ס'ברענען אים די סאציאלע עולות, וועלכע ער טרעפט אן אויף יעדן שפאן, און ס'הארן אים די מענטשלעכע קריוודעס; אויב דער שרייבער איז א מענטש וואס ווערט טיף בארירט פון זאכן, א מענטש וואס ס'קען אים עפעס שטארק פארדריסן, אויב ער נעמט אויף זיך אפט איוב"ס צרות בלויז דערפאר, ווייל ער איז פול מיט גרויס רחמנות און עכטער גרויסער ליבע צום מענטשן, מוז ער קודם כל ערלעך און אויפריכטיק קעמפן פאר זיין אמת. ווייל דארט וווּ ס'איז נישטא קיין גרויסע ליבע איז נישטא קיין אמת, ערלעכקייט און אויפריכטיקייט און ס'קאן אויך נישט זיין דער גרויסער פרוכט־בארער ווילן צו ברענגען געזונטע און דויערהאפטיקע פרייד אין לעבן. אן העלדישער אויפריכטיקייט, ערלעכקייט און מוטיקן אמת אין ברייטן סאציאלן זין, אן ליבע און פרייד, וועלכע מוזן פון זייער זייט ווארצלען און זיך געשטאלטן אין די טיפענישן פון א פארצווייגטער מענטש־לעכער מאראל, פעלט דאך דער לעבעדיקער אטעם פון יעדער קינסט־לערישער און שאפערישער שענקייט. שענקייט איז נישט קיין זעלבסטשטענדיקע, סטאטישע דערשיינונג, וואס עגזיסטירט פאר זיך אליין, זי איז דאס קינד פון ליבע און פרייד. אויב מ'ברענגט די מענטשן ליבע און פרייד, האט מען זיי געבראכט שענקייט. אויב איר באמקעט א הונגעריקן, א דערשלאגענעם און דערנידעריקטן מענטשן וועגן רויזן, האט איר חוזק געמאכט פון אים און פון די רויזן.

חיים אייזנבערג האט טיף אפגעאטעמט און געפילט ווי ס'וואלט אים אראפ א שטיין פונם הארץ.

יצחק קאלעכשטיין האט זיך אבער נישט געלאזט:

— אויב איר אנערקענט נישט די העכערע עגזיסטענץ פון שענ־קייט, מוזט איר דאך זיין קאנסעקווענט און אפלייקענען אויך די עגזיסטענץ פון אן אבסאלוטן אמת און די אלע אנדערע ווערטן, וואס איר רעכנט דא אויס, וויאזויזשע קענט איר פראפאגאנדירן פאר זאכן, אין וועלכע איר גלויבט נישט?....

חיים אייזבערג האט אויפגעשטעלט מויל און אויערן, ער האט נישט געקענט פארשטיין, ווי אזוי אט דער מענטש, וואס איז טויב צו יעדן לויטערן קלאנג און בלינד צו יעדן לעבעדיקן בילד, קען אזוי קונציק ארבעטן מיט ווערטער, ווי אזוי אט דער יצחק קאלעכשטיין קען אזוי געשיקט זיך ארויסדרייען און אזוי פלינק יענעם פארלויפן דעם וועג. אין דער צייט וואס אים, חיים אייזבערג, איז שטענדיק אויסגעקומען אזוי שווער צו דערקלערן זאכן, וואס האבן, לויט זיין מיינונג, געמוזט פיל גרינגער רעדן צום מענטשלעכן הארץ און צום מענטשלעכן שכל הישר. טאקע דערפאר האט חיים אייזבערג שטענדיק געפרווט אויסצומיידן אבסטראקטע וויכוחים. האט מען אים אבער איינמאל ארייננגעשלעפט, האט ער מיט די נעגל געזוכט דורכצו־לעכערן דעם בארג, און אויך איצט האט ער זיך אנגעגורט די לענדן, כדי נישט צו פארלאזן אין מיטן דאס שלאכט פעלד.

— אמת, פונקט ווי שענקייט, איז טאקע א רעלאטיווער באגריף, — האט ער זיך א ריס געטאן אויפן קול, — א באגריף וואס ענדערט זיך מיט דער צייט און מיט דער געזעלשאפט, אבער אויב מיר זאגן, אז די זאכן זענען רעלאטיוו, מיינט דאס בשום אופן נישט, אז זיי עגזיסטירן נישט, פארקערט, די רעלאטיוויטעט פון זאכן ווייזט אן אויף זייער ווירקונג, אנטוויקלונג און לעבענספעאיקייט. די רעלאטי־וויטעט פון זאכן שטרייכט אונטער זייער סיבה׳דיקייט, די שייכות, וואס איז פארהאן צווישן זיי און די קעגנזייטיקע באציונגען, אין וועלכע זיי שטייען צווישן זיך, ווי סיבות צו פאלגן.

נעמען די זאכן אין זייער באוועגונג, אויסגעפינען די אינערלעכע שייכות צווישן זיי, דערקענען זיי אין די פארשידענע באציונגען און רעלאציעס זייערע, הייסט זען די נשמה פון די זאכן, און אויב

איר ווילט, איז דאָס דער אמת'ער שם המפורש, און נאָר אַזוי אַרום קען מען שאַפן עכטע, קינסטלערישע סימבאָלן. נאָר אין דעם זין קען מען אורטיילן איבער שענקייט. דאָס הייסט, אַז נאָר דעמאָלט ווען מ'זעט וויאַזוי די גייסטיקע שענקייט, אין אירע פאַרשידענע קאָנקרעטע געשטאַלטן, וואָרצלט אין דער מענטשלעכער מאָראַל און ווערט דערגרייכט דורך אמת, אויפריכטיקייט און ערלעכקייט, נאָר דעמאָלט קען מען ווענן איר האָבן עפּעס אַ לעבעדיקע פאָרשטעלונג. מיר ווייסן פון דער געשיכטע און פון דער קולטור געשיכטע, אַז די מענטשן האָבן שטענדיק געהאַט אַ באַשטימטע מאָראַל און, דאָס הייסט דאָך, אַז זיי האָבן געהאַט באַשטימטע באַגריפן וועגן אמת, ערלעכקייט און אויפריכטיקייט. ווי פאַרשידן אָט די מאָראַל זאָל נישט געווען זיין אין פאַשידענע צייטן, איז אָבער איר פּרווו־שטיין שטענדיק געווען דאָס גליק און די פרייד פון דער אָדער יענער גרופּע פון מענטשן. בלויז אויף אָט די יסודות און אין פאַרבינדונג מיט זיי איז געוואַקסן, האָט זיך אַנטוויקלט און געענדערט דער באַגריף און דאָס געפיל צו שענקייט...

יצחק קאַלעכשטיין האָט מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— מאָראַל, מיין קינד, איז שוואַכקייט. סאָציאַלישקייט איז די פּחדנות פון די קליינע מענטשעלעך, וואָס זוכן שוץ, שטיצע און זיכערקייט אין דער סטאַדע. די דערהויבענע פּערסאָנאַליטעט, דער זשעני איז אינדיווידואַליסטיש. די הויכע אינדיווידואַליטעט איז איבער די גרעניצן פון גוט און שלעכט און פריי פון די צווימען פון געזעלשאַפטלעכע קאָנווענציעס. די שענקייט, מיט וועלכער די געטער פונם אָלימפּ האָבן באַשאָנקן די פּען און דעם פּענזל, פאַרמאָגט אין זיך די קראַפט אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון דער מאָראַל, וועלכע שטערט אונז צו געניסן דאָס לעבן....

חיים אייזבערג איז געוואָרן אויפגעבראַכט. די גאַנצע דיסקוסיע מיט יצחק קאַלעכשטיין האָט אים געשלאָגן צו דער גאַל, און דאָך האָט אים דאָס האַרץ נישט דערלאָזט צו געבן יצחק קאַלעכשטיין די געלעגנהייט צו בלייבן ביי'ם לעצטן וואָרט:

י. א. ליסקי

—לויט מיין מיינונג — האָט חיים אייזבערג געפּידעט — איז די ניטשעאַנישע תורה, וועגן די איבערמענטשן, געמיין פּאַרברעכעריש און פלאך. געשיכטלעך האָט זיך די מאָראַל טאַקע געמעגט אַנטוויקלען פון מורא, פון נויט און שוואַכקייט. פאַר דעם אורמענטש איז די מאָראַל געווען אַ מיטל, אַ געווער צו קענען לעבן און קעמפן קעגן די רויע נאַטור־קרעפטן. צוליב דעם דאַזיקן קאַמף האָבן זיך די מענטשן געמוזט אָרגאַניזירן אין גרופן און שאַפן אַ מאָראַל. די נויט, די מורא און די אינדיווידועלע שוואַכקייט האָט די מענטשן געמעגט צווינגען אָנצוטאָן אויף זיך דאָס, וואָס האָט זיי לכתחילה אויסגעזען צו זיין אַ יאָך, אָבער ביי דעם עכטן קולטור מענטש, ביי דעם אמתן קינסטלער און שאַפער איז די מאָראַל אַ גייסטיקער כח, צוליב וועלכן, און מיט דער הילף פון וועלכן ער קען בייקומען די גרעסטע ווייטאָקן, די שווער־סטע ליידן. די מאָראַל איז ביי אים אַ קראַפט, וואָס מאַכט אים שטאַרק און מוטיק, העלדיש און אומדערשראָקן. זי פאַרמאָגט אין זיך אַן אומענדלעכן ים מיט גבורה און שענקייט. געניאַליטעט אַליין איז לויט דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע אַ פּראָדוקט פון אַ געוויסן געפיל פון מינדערווערטיקייט און אָרגאַנישער שוואַכקייט. איר וועט דאָך אָבער דערפאַר נישט זאָגן, אַז צוליב אַט די סיבות טויג ניט די געניאַליטעט. פונקט אַזוי קען מען נישט זאָגן, אַז מאָראַל טויג נישט דערפאַר וואָס זי איז שטענדיק, דורך דער געשיכטע פון דורות געווען אַ נויטווענדיגע פאָלגע פון דער נויט פון מענטשלעכן לעבן.

יצחק קאַלעכשטיין, וואָס האָט די גאַנצע צייט אַוועקגעקוקט האָט אים מיט אַמאָל אַנטשלאָסן אָפּגעשטעלט. —

— איר זענט אַ קרבן, איר קומט שוין ווידער מיט אייערע טענ־דענצן. ס'זענען דאָ קינסטלער, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט קיין שום סאָציאַלע פּראָבלעמען און מיט קיין שום מאָראַל, סיי אין זייער לעבן און סיי אין זייער שרייבן. און דוקא זיי שאַפן ריינע קונסט און ברענגען אַרויס די העכסטע שענקייט.

— וואָס מיינט איר — האָט חיים אייזבערג אויפגעקאָכט — איר מיינט צו זאָגן, אַז אייערע קינסטלער שרייבן וועגן שענע זאַכן, צי ווילט

איר באַהויפּטן, אַז זיי באַזיצן אַ פיינע טעכניק, סטיל און פאָרם? שרייבן וועגן שענע זאַכן, קען אָפּט זיין די מיאוס'טע גראַפאָמאַניע און די ערגסטע קאַקאָפאָניע, ווי די רוסן רופן דאָס. אַ גוטער לײַנער האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, אַז ער האָט געליינט צוויי דערציילונגען: איינע איבער בעטהאָווענס ניינטער סימפאָניע און די אַנדערע וועגן חזרים. איז די דערציילונג איבער די חזרים געווען פול מיט מוזיק, און די דערציילונג וועגן דער מוזיק איז געווען ריינע חזיריי... טעכניק, סטיל און פאָרם, פון דער אַנדערער זייט, קען מען נישט דער־גרייכן, אויב מען אַרבעט נישט אויף זיך און אויב מען שטרענגט זיך נישט אָן... אַרבעט און אָנשטרענגונג,ווידער, פאָדערן ערלעכקייט, אמת און אויפריכטיקייט. וואָס מער ס'טוען איינעם וויי די מענטש־לעכע ליידן און וואָס מער ס'האַרן אים די סאָציאַלע קריוודעס, אַלץ מער שטרענגט ער זיך אָן צו דערגרייכן די פיינערע טעכניק, סטיל און פאָרם, כדי צו קענען טיפער אויסדריקן די דאָזיקע קריוודעס און אויף אַ מער פאָלקאָמענעם אופן פאַר אָט די עולות זיך איינצושטעלן. אַלץ בעסער גיט זיך עס אים איין, אַלץ נאַטירלעכער קלינגט ביי אים די שפּראַך, אַלץ עכטער בלישטשעט זיין טעכניק, סטיל און פאָרם.

אודאי זענען פאַראַן אַזעלכע שרייבער, וואָס אַלעס קומט זיי אָן זער גרינג. זיי פאַלן אָבער שטענדיק אַריין אין יענעמס הויזן אַריין און ס'רעדט פון זיי אַרויס דאָס באַנאַלסטע פון דעם, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליינט און אָנגעהערט, און וואָס זיי האָבן אָפּט אפילו נישט באַוויזן ווי ס'באַדאַרף צו זיין צו פאַרדייען. אויף דעם אָרט זיך אויס־צולערנען דעם שם המפורש דורך אויפריכטיקער האַרעוואַניע, ערלעכער אַרבעט און אמת'ער מי לשמה און אים אַריינצובלאָזן אין די אייגענע גולמות, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט נאָכצומאַכן דעם גולם. — האָט חיים אייזבערג זיך צו אים צוגעבויגן, ווי ער וואָלט אים דאָס וועלן זאָגן אויפן אויער....

— יצחק קאַלעכשטיין האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער:

— דעם שם המפורש קען מען זיך נישט אויסלערנען. דער גרויסער קינסטלער האָט אים שוין אין זיך. ער ווערט מיט אים געבוירן.

דער רוח הקודש רועט אויף אים און זיין קונסט גיסט זיך פון אים, ווי פון א קוואל — האט ער שטאלץ אפגעענפערט.

חיים אייזבערג׳ס בליק האט זיך טרויעריק אנגעשפארט אויף עלקעס האלדז, וואס האט זיך שטאלצנע געהויבן פון דעם ביליקן, אפ־געבליאקעוועטן מאנטל ארויס.

— מיין טייערער פריינט, — האט ער פארביסן געזאגט צו יצחק קאלעכשטיין, — איך בין דאך אויך א שרייבער, קען איך אייך זאגן, אז שרייבן איז שווערע ארבעט און ביטערע מי. דאס וואס גיסט זיך ביי אייערע גאט־געבענטשטע, איז בלויז פרעמדע גייסטיקע הארוואניע, וואס זיי שלעפן צענויף און מישן אויס אין איין מיסט־קאסטן. אבער נאר די ערלעכע און אויפריכטיקע ארבעט קען מיט רעכט אנגערופן ווערן רוח הקודש.

יצחק קאלעכשטיין האט זיך אויפגעהויבן צו גיין און כדי צו שלימן די דיסקוסיע, האט ער מיט דעם שטעל פון א גייסטיקן וועג־ווייזער באדויערט חיים אייזבערג:

— איר זענט א בטלן, א שאד אייער טאלאנט, איר פארשווענט אייער אייגן שאפן.

עלקע האט פול מיט עקשנות׳דיקער פרייליכקייט און מוט זיך צעלאכט ; זי האט מיט א טיפער זיכערקייט אין איר בליק אנגעקוקט יצחק קאלעכשטיין און שטאלץ און איבערלעגן אים דערלאנגט די האנט.

חיים אייזבערג האט זיך געכאפט, אז ער דארף אריינגיין אין דער דרוקעריי נעמען א פאר ביכער און ער האט געבעטן עלקען צו־צווווארטן אויף אים.

אין דער טונקעלער זייט פון דער דרוקעריי, ביי דער וואנט, וועלכע איז געווען פארשמירט מיט פעטע, שווארצע און רויטע פארבן, איז חיים אייזבערג געשטאנען און געפאקט א פעקל. ער האט זיך געאיילט. דאס פאפיר האט זיך אים געהאלטן אין איין צעפארן און ער האט געזוכט א שטיקל שטריקל ארומצובינדן די פאר ביכער, וואס יצחק קאלעכשטיין האט אים ארויסגעגעבן צו פארקויפן.

אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין אייזערנעם טישל, האָט, אין דעם אַנדערן עק, יעקב לייב מישזאָן אָן אָטעם געוואַרט אויף יצחק קאַלעכשטיין, וועלכער האָט געמיטלעך אײַנגע׳טענה׳ט מיט אַ קונה.

אונטער דעם שטעכיקן ליכט פון די נאָענטע עלעקטרישע לעמפּ־לעך, ביי דער היץ פון געשמאָלצן בליי און אָנגעזאַפּט מיט דעם שטויב פון געשניטן פּאַפּיר, זענען געזעסן די זעצער, מיטן קאָפּ און מיט די אויגן אַריינגעטאָן אין די זאַץ־מאַשינען. פונ׳ם דרוק זענען געלאָפן פריש געבאַקענע בויגן און געוואַקסן אין אַ הויכן שטוס. אונטער די פּיס האָבן זיך געוואַלגערט די אָפּצוגן פון אַ נייעם בוך...

אַרויסבאַגלייט דעם חשובן קונה, האָט יצחק קאַלעכשטיין, וועלכער איז פּונקט געווען זער גוט אויפגעלייגט, אַנטקעגנגעטראָגן יעקב לייב מישזאָן אַ ברייטן שלום עליכם, באַגלייך ער וואָלט דעם דיכטער ערשט איצט, נאָך אַ ווייטער נסיעה, ווידער געטראָפן. ער האָט געהייסן דעם „באַי" אַהערברענגען מישזאָנ׳ס בוך.

די הויכע, ברייט־פּלייציקע געשטאַלט פון יעקב לייב מישזאָן, מיט די לאַנגע, נאָכהענגנדיקע הענט, האָט זיך אומבאַהאָלפן צענויפ־געצויגן... ער האָט תיכף אויפגעמישט דאָס בוך אויף דעם לעצטן בלעטל און איז געבליבן שטיין פאַרלוירן, ווי ס׳וואָלטן אים באַשלאָגן אַנקסטן. זיין גרויס, קינדעריש־קיילעכדיק פּנים איז בלייך געוואָרן, די ליפּן האָבן אים אָנגעהויבן צו ציטערן און דאָס בוך האָט זיך גע־שאָקלט אין זיינע הענט.

— ווו זשע איז דער תיקון טעות, וואָס איר האָט מיר צוגעזאָגט צו מאַכן. — דאָס קול האָט ביי אים געדרינזשעט, ווי איינגעבראָכן פון צאָרן...

— אויף איין אָרט האָט איר אַרויסגעלאָזט גאַנצע זעקס שורות. די וויכטיקסטע שטעלן פון מיין בעסטער פּאָעמע פאַרלירן דאָך דעם גאַנצן זין... און פאַרוואָס האָט איר מיר נישט געוויזן דעם לעצטן בויגן? ווער ווייסט וואָס נאָך פאַר אַ גרייזן ס׳זענען דאָרט אַריינגע־פאַלן. ס׳איז שוין באַלד אַ יאָר צייט, אַז איר שלעפּט מיך אַרום מיט דעם בוך און איצט האָט איר דאָס פּלוצים מיט אַמאָל אַזוי שנעל

אָפּגעפּאַרטיקט... ס'איז שרעקלעך... ס'איז שרעקלעך... — האָט ער געיאָמערט.

יצחק קאַלעכשטיין האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף איינעם וואָס וואָלט פון דער העלער הויט זיך גענומען אים פאַרלייענען די מעשה פון דער חד גדיא...

— ווער שטעלט זיך אָפּ אויף אַזעלכע קליינינקייטן און ווער שטודירט עס אַזוי... אַ צווייט מאָל וועט איר אייערע לידער לאָזן שרייבן פון אַ סופר — האָט אים יצחק קאַלעכשטיין געטרייסט.

ביידע האָבן זיי גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער דיכטער האָט נישט קיין שום אויסוועג, אַז ער וועט נאָך נישט איינמאָל מוזן אָנקומען צום „פאַרלעגער". און אַז סיידן ער וויל ווערן אוים שרייבער מעג ער זיך אַריינלאָזן אין אַ מחלוקת מיט יצחק קאַלעכשטיין....

יעקב לייב מישזאָנ'ס האַנט האָט זיך אונטנאַרומער פאַרקלעמט אין אַ פויסט, און זיין פּנים האָט זיך נאַריש געקרומט אין אַ פּוילן, צעקראַכענעם שמייכל...

ווי געוויינטלעך האָבן אַרום דער שעה אין דער דרוקעריי אַלע־מאָל אָפּגעטראָטן די „אינטעליגענטע פּראָפעסיעס". אָט האָט זיך אַריינ־געכאַפּט אַן אַלטער משכיל, אָט איז אַריינגעקומען אַ העברעאישער לערער, אַ חזן, אַ גבאי פון אַ שול, אַ סעקרעטאַר פון אַ פאַריין.

אין דער טיר וואָס האָט זיך איצט, פאַרנאַכט, אויף קיין מינוט נישט צוגעמאַכט, האָט זיך חיים אייזנבערג אָנגעשלאָגן אין אַן אַלטן באַקאַנטן. יענער האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט און אים געהאַלטן אין איין פרעגן וואָס ער טוט און וואָס ער שרייבט. חיים אייזנבערג האָט אַרויסגעשלעפּט פון דעם פּעקל זיין בוך, וואָס איז נישט לאַנג צוריק דערשינען און עס אים געוויזן. דער באַקאַנטער זיינער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פּרייז פונם בוך, וואָס איז געווען געצייכנט פינף שילינג, אים אַריינגעשטופּט אין דער האַנט אַריין אַ פונט און אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע. חיים אייזנבערג האָט וואַרעם געדאַנקט. ער האָט זיך אין דער שטיל געפרייט וואָס

ער וועט באַלד עלקען ברענגען געלט אויף אַ פּאָר נייע שיך, און חשוב אַריינגעלייגט דאָס פונט אין קעשענע.

איידער מ׳האָט זיך אויסגעדרייט איז פּלוצים יצחק קאַלעכשטיין נעבן זיי געבוירן געוואָרן, ער האָט געקוקט אויף דעם בוך, וואָס דער באַקאַנטער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, זיך באַקלאָגט אויף די מענטשן ווי אומדאַנקבאַר זיי זענען, און גלייך איבערגעגאַנגען צו „ביזנעס“. חיים אייזבערג האָט זיך געזעגנט און זיך געלאָזט אַוועק־גיין, נאָר אונטער דער פּלייצע איז אים יצחק קאַלעכשטיין פּאַוואָליע נאָכגעגאַנגען און אים אָפּגעשטעלט אין שמאָלן פּעדער־הייזל.

— וואָס האָט איר עפּעס אַריינגערוקט דאָס געלט אין קעשענע אַריין... — האָט ער מיט כעס אַ שפּריץ געטאָן. — און מיר קומט שוין ביי אייך גאָרנישט?

חיים אייזבערג׳ס פּנים האָט זיך רויט־אָנגעגאָסן און ס׳האָט אים אָנגעהויבן זשומען אין די אויערן, ווי ער וואָלט געכאַפּט אַ ליש איבערן קאָפּ... ער האָט מעכאַניש אַרויסגענומען דאָס פונט, עס אַוועקגעגעבן יצחק קאַלעכשטיין, און ערשט דערפילט ווי דאָס האַרץ האַלט אים אין איין טיאַכקען.

מיטן פּעקל אונטערן אָרעם האָט ער זיך שנעל אַוועקגעלאָזט אין קאַפע־הויז אַריין, וווּ עלקע האָט אויף אים געוואַרט, ברוגז וואָס ער האָט זיך אַזוי לאַנג געזוימט און זי געלאָזט אַזאַ צייט אַליין זיצן...

* * *

דינע כוואַליעס פון ערב־פּאַרטאַגיקער קעלט זענען אָנגעלאָפן אין שטוב. חיים אייזבערג האָט פּאָרזיכטיק צורעכט געמאַכט דעם צודעק, אויסגעגלייכט דעם אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, וואָס איז געלעגן פּאַררוקט ביי עלקען צופוסנס, אויף דער אַלטער צעשיטער קאָלדרע, און געזוכט נאָך עפּעס אַרויפצולעגן פון אויבן.

עלקע האָט נישט געקענט פּאַטראָגן דאָס שטילע דרייען זיך פון אים, ס׳האָט זי געהאַרט זיין שווייגן און ס׳האָט זי געקרענקט, וואָס ער פּטרט זי אָפּ מיט אַן אומגעדולדיקן מאַך; עס איז איר אויסגעקו־מען ווי ער וואָלט אַוועקגעשטעלט עפּעס אַ פּאַרדריסלעך פּלויטל פּאַר

זיך און ווי ער וואָלט מיט אַמאָל געוואָרן פאַר איר ווייט און פרעמד... אירע הענט זענען געוואָרן אומרואיק און זיי האָבן, ווי פון זיך אַליין, געפּרוווט מיט עפּעס אויספילן די ליידיקייט, וואָס האָט פּלוצים גע־געבן אַ ווייע אויף איר. זי האָט האסטיק אַ שלעפּ געטאָן די צייטונג, וואָס איז געלעגן אויפן בענקל נעבן איר בעט, און גענומען ליינען די אַנאָנסן פון נייע פילמען, טייערע קליידער און גוט עסנוואַרג...

— וואָס האָסטו דיך גענומען ליינען די צייטונג? — האָט חיים אייזנבערג געפרעגט און מיט דער האַנט אויפגעהויבן עלקעס פּנים צו זיך...

— אפשר זאָל איך דיר מאַכן טיי, צי אפשר ביסטו הונגעריק?... עלקע איז בייז געוואָרן.

—וואָס פאַרעדסטו מיר נאָר די ציין, פאַרוואָס ענטפערסטו נישט ווען מ'פרעגט דיך עפּעס און וואָס דרייסטו דיך אַרום אָנגעבלאָזן און פול מיט סודות?... האָט זי זיך אויסגעשריגן.

... —ס'האָט נישט קיין שום זין דיך נאָך מער אַריינצושלעפּן אין דער בלאָטע און וועלכער מיר שטעקן מיט דער גאַנצער „מלאכה בזויה" אונזערער. נאָך וואָס דיר אומזיסט פאַרגיסן דאָס בלוט מיט דעם גאַנצן פּאַסקודנעם עסק?... ס'קען דיר נאָר בלייבן אַ טע אויפן האַרצן פון די ליטעראַרישע גבאי־טעם און פון די אַלע מכות, וואָס אייטערן אויף דער קונסט... ווען דו ווילסט בעסער אַצינד עפּעס עסן, צי טרינקען אַ ביסל וואַרעמס און ווען ס'גליסט זיך דיר אויך נישט צו רעדן איצט וועגן קיין שרייבעריי, וואָלט מען אפשר גע־קענט אויף אַ מינוט אַראָפּוואַרפן פון זיך די ברודיקע משא; מ'וואָלט זיך געקענט אַ ביסל אָנוואַרעמען די נשמה, און כאָטש אויף אַ רגע אָפּכאַפּן דעם אָטעם אין דער לויטערער, גוטער און פרייער לופט... האָט חיים אייזנבערג געפּרוווט עלקען איינצונעמען און זיך אַ לאָז געטאָן אין קיך אַריין.

די הייסע טיי האָט געפּאַרעט פון דעם ווייסן אויסגעשטשערבעטן טעפּעלע, מיט דעם אָפּגעבראָכענעם אויערל, וואָס חיים אייזנבערג האָט

געהאַלטן אין איין האַנט, — און דער געלער ענגלישער אינגבער־קניש האָט געשווינדלט מיט דריבנע ראָזשענקעס אויפן טעלערל, וואָס חיים אייזנבערג האָט געהאַלטן אין דער צווייטער האַנט. נאָר עלקע איז שוין געשלאָפן און, פונעם שלאָף, ווי פאַרוואונדערט געשמייכלט. חיים אייזנבערג האָט לאַנג געקוקט אויף איר קליין טשיקאַווע פּנים, פון וועלכן ס'האָט געשלאָגן מיט ליבער פרייד, ווי פון אַ קוואַל, וואָס שלאָגט אָפּ דעם בליאַסק פון אַ לויטערן טאָג.

ער איז שטיל אויף די שפּיץ פינגער אַרויסגעגאַנגען פון שלאָף־צימער, זיך אָנגעטאָן זיין גראָבן ווינטער מאַנטל, געמאַכט אַ הייסע גומען פלאַש, גענומען די פעדער און זיך צוריקגעזעצט צום טיש...

דער בלייכער מאָרגנשטערן האָט מיט זיין טרויעריקן ווייכן בלישטש שטיל געגלעט און ווייטיקלעך געגאָגט ביים האַרצן. נאָר חיים אייזנבערג האָט געפילט, ווי דאָס אַרומיקע שטילע נאָגן און מאָנען וואָלט געוואָרעמט דאָס לעבן אין אים. ער האָט געפילט ווי דאָס בלוט וואָלט אים האַסטיק געלאָפן אין די אָדערן און די באַקן האָבן אים אָנגעהויבן צו שפּילן. פון אונטער דער פעדער זענען געפאַלן גראָבע שטרעכער, און קרום און געדרייט זיך געלייגט אין פעטע טונקעלע רייען ווי די שטיקער שוואַרצע ערד אונטערן אַקער אייזן. זיי זענען פול און ברייט אויפגעגאַנגען אויפן ווייסן בלעטל און זיך גענומען ציען צו דער ליכטיקער שיין פון דער זון און צו די ערשטע, וואַרעמע שטראַלן, וואָס האָבן געשפּיזט אין פענצטער.



...פון אונטער דער פּעדער זענען געפֿאַלן גראָבע שטרעכער און קרום און געדרייט זיך געלייגט
אין פּעטע, טונקעלע רייען, ווי די שטיקער שוואַרצע ערד אונטערן אַקער אייזן...

2

עלקע האָט אויסגעדרייט די נאַסע, גראָבע שמאַטע, וואָס זי האָט געטונקען אין אַ טיפּן בעקן מיט וואַסער, זיך אַ לאָז געטאָן איבער דעם דיל, ווי אַ שוואַן מיט די פיס פאַרבויגן אויף צוריק, און ווייט צעשפּרייט די הענט.

— ... אַרום פינעף וועט קלאַרא וואַנסמאַן דאָ זיין ... מ׳דאַרף פאַרטיק ווערן מיט דעם אַפּוואַשן, מ׳דאַרף די פּאַפּירן אַביסל צענויפ־לייגן ... באַווישן דעם שטויב ... מ׳מוז זיך אַליין אויך נאָך צורעכט־מאַכן און איבערטאָן, און ווער ווייסט ווי לאַנג מ׳וועט נאָך די מיס וואַנסמאַן דאַרפן אונטערהאַלטן איידער חיים אייזנבערג וועט אַהיימ־קומען ... זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער.

וואָס ווייטער דער זייגער האָט זיך גערוקט אַלץ האַסטיקער איז עלקע געוואָרן און אין איילעניש געגעבן דאָ אַ וויש און דאָרט אַ גלעט, איין אָרט פאַרדעקט, אַ צווייט פּלאַץ פאַרוימט און ערשט מיטאַמאָל פאַרטיק געוואָרן ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן גאַנץ נאָענט צו דער באַשטימטער צייט ...

זי האָט זיך אויף גיך צורעכטגעמאַכט די האָר, באַטראַכט די נעגל פון די הענט און אָנגעטאָן אַן איינפאַך בלוי האַלב-קליידל, מיט אַ בלויעם דזשעמפּער, וואָס זאָל אויסזען נישט שטייף, נאָר שטוב־מעסיק, און אַזוי ווי מ׳וואָלט זי געטראָגן ביי דער אַרבעט, נישט ווי אומיסטן אייגנס פאַר אַ גאַסט אָנגעטאָן; וואָס זאָלן אָבער דערביי זיין אַזוי גלאַט, פריש און זויבער, ווי אָט די מלבושים זען אין אַן אמת אויס נאָר דעמאָלט ווען מ׳טוט אין זיי גאָרנישט ...

אין דעם מאָגערן, קילן, ענגלישן פרילינג, איז מיט דעם זעלטענעם

גלימער פון טיפן בלוי, זאפטיקן רויט און שווערן, רייכן גאָלד דער דרויסן שוין געשטאַנען האַלב־זייטיק אויסגעדרייט צו דער זון. אַ נאָכ־הענגנדיקע צווייג פון אַן איינזאַם, פאַרוואַגלטן קאַרשן־בוים, האָט אַראָפּגעוואָרפן צאַרטן צוויט אויפן פלאַכן דאַך פונם נידריקן פאַבריקל קעגנאיבער, די פולע כוואַליעס ליכט און וואַרעמקייט מיט וועלכע דער טאָג האָט געשטראָמט דורך די שויבן, האָבן שוין אָנגעהויבן פאַוואָליע זיך אַרויסצוציִען פון צווישן די הענט. פון אונטער די פיס האָט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער גענומען לאַנגזאַם אוועקגליטשן די לאַשטשאַנ־דיקע שיין...

עלקע האָט זיך צוגערוקט נענטער צום האַלב־אָפּענעם פענצטער באַגלייך זי וואָלט זיך געוואָלט איינטוליען אין די אַנטלויפנדיקע כוואַליעס און זיי וואָס לענגער צוריקהאַלטן, ווי די נאָענטקייט פון אַ געטרייען מענטשן, וואָס וועט באַלד אוועק....

פון יענער זייט טראָטואַר איז חיים אייזנבערג אָנגעקומען. ער האָט זיך געאײַלט צו זײַן אין דער היים פּינקטלעך צו דער צייט, דער גאַסט זאָל אויף אים נישט דאַרפן וואַרטן און עלקען נאָך צו קענען אפשר עפּעס צוהעלפן אין שטוב, אָדער, אויב מ׳דאַרף, עפּעס אַריינ־כאַפּן פונ׳ם געוועלב... אין גאַנג האָבן זיך אים די הויזן נאָכגעטאָ־לעפּעט און די סטרעפּקעס ביי די ראַנדן פון די אַרבל זענען אים גע־קראָכן אויף די דלאָניעס.

שוין נעבן דער פּעדער־טיר האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זײַן הולך און זיך מיטאַמאָל דערפילט עפּעס אַזוי אומגעלומפּערט און פּריקרע. די לינקע האַנט האָט זיך נישט באַוואויגן אין טאַקט מיט דער רעכטער, זי איז אים נאָכגעהאַנגען און געמאַכט זיינע באַוועגונגען אָפּהענטיק. די אייגענע באַוועגונגען האָבן אים אָנגעהויבן איבער־דריסיק צו ווערן און אַלעס איז אים געגאַנגען קאַפּויער. ער האָט לאַנג געדרייט דאָס שליסעלע אין לאָך, און נאָכדעם שווער באַטראָטן יעדע טרעפּ באַזונדער ביז ער איז אַרויף צו זיך אין שטוב אַריין.

ער איז געווען הונגעריק און דאָרשטיק. ס׳האַרץ האָט אים גע־כליאַנעט און ער האָט געחלשט צו טרינקען אַביסל טיי. ס׳האָט אים

געצויגן צום ווייסן טיש־טוך און צו די אויסגעוואַשענע טעפּעלעך אויף דעם טיש, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון׳ם פענצטער, נאָר ער האָט מורא געהאַט צו צעשטערן דאָס שטיקל לאַד אין שטוב. ער האָט געוווסט, אַז אַבי מ׳וועט נאָר אַרויסנעמען דאָס פּעקל טיי און דעם בייטל צוקער, דאָס ברויט און דאָס ביסל מילך אין פלאַש, וועט דאָס קליינע טישל תיכף ווערן פול אָנגעשטעלט. ס׳וועלן זיך באַלד אָנהויבן שיטן די ברעקלעך און ביז מ׳וועט זיך אויסדרייען וועט די שטוב נישט זיין צו דערקענען...

ער האָט דערווייל צוגעשטעלט דעם טשייניק וואַסער אויפן גאַז, מ׳זאָל קענען די טיי מאַכן גלייך נאָכדעם וואָס מיס וואַנסמאַן וועט אָנקומען.

זיי האָבן אָבער געמוזט אויף איר לאַנג און פּיינלעך וואַרטן...

— די מיס וואַנסמאַן קען אונז נאָך אימגאַנצן „לאָזן זיצן"... ס׳איז נישט קיין תכלית צו שטיין און אַרויסקוקן אויף איר... דו מעגסט דערווייל אָפּטרינקען און עפּעס עסן... — האָט אים עלקע צו־געזעדט.

חיים אייזנבערג האָט זיך געפּרוווט מאַכן אַביסל באַקוועמער און עפּעס איבערכאַפּן און עלקע האָט פונדערווייטנס אומבאַהאָלפן געקוקט ווי די אויפגעראָמטקייט אין דעם ענגן צימער הויבט זיך אָן צו צעפאָרן.

אונטן אין דער טיר האָבן זיך דערהערט צוויי קלאַפּ... .עלקען האָט עס אונטערגעטראָגן פון אָרט. זי האָט אַרויפגעבראַכט די מיס וואַנסמאַן, וועלכע האָט אָנגעהויבן נאָך אויף די טרעפּ זיך צו פאַר־ענטפערן פאַר איר פאַרשפּעטיקן זיך...

— שטערט אייך נישט, שטערט אייך נישט... איר מעגט ענדיקן אייער טיי ... איך בין געווען אַזוי פאַרנומען ... איך האָב געהאַט אַ סך זאַכן צו דערלעדיקן... זי האָט שנעל גערעדט, דערביי צענויפּ־געצויגן דאָס מויל און צוגעפּוצט די ווערטער מיט דעם טאָן און מינע פון אַ ציטעריק קינד, וואָס פּעשטשעט זיך.

חיים אייזנבערג האָט זיך אויפגעהויבן און צוגערוקט פאַר איר אַ בענקל צום טיש, זי געפרעגט צי זי וואָלט נישט געטרינקען קיין טיי, אָדער עפּעס צוגעביסן.

מים וואַנסמאַן האָט גערעדט, זיך אָפּגעזאָגט פון אַלעמען, זי האָט שוין געהאַט איר טיי און „סאָפּער“ און אַלעס...

— איך האָב נאָך נישט אַלעס אַרויסגעשריבן אין מיין בריוו צו אייך, חבר אייזנבערג. מיר ווילן אָרגאַניזירן די אינטעלעקטואַלן און זיך פאַראייניגן מיט זיי. וואָס פאַר אַ מענטשן מיט נעמען וואָלט איר אונז געקענט אָנגעבן, חבר! איר פאַרשטייט, מיר מוזן האָבן גרויסע נעמען פון דער יידיש־ענגלישער וועלט... — איז קלאַרא וואַנסמאַן גלייך צוגעטרעטן צום ענין...

חיים אייזנבערג האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף דעם יידישן בריוול, וואָס זי האָט אים געשיקט. אין יעדן זאַץ האָט גע־פעלט אַ וואָרט, כמעט אין יעדן וואָרט האָט געפעלט אַן אות... קיין שום אָרטאָגראַפיע, קיין שום שול, ווי אַ קינד, וואָס הויבט ערשט אָן דעם טראַף. און ווי אָנגעפלינדערט ס'זענען דאָ אידעען פאַר וועלכע ערלעכע און טאַקע ב'אמת גרויסע מענטשן מיט הארץ, האָבן גע־קעמפט און געבלוטיקט, און ווי צעמזיקט ס'ליגן דאָ צעלייגט די ווערטער און וואָס פאַר אַ תכלית דער גנב מאַכט שוין פון דעם גייס־טיקן האָב און גוטס פון די מענטשן... גרויסע ווערטער... און „גרויסע נעמען“ וואָס פאַר אַ געמיינע חוצפה... און וואָס פאַר אַ נידריקער באַגריף וועגן מענטשלעכן ווערט און מענטשלעכער ווערדע...

מים וואַנסמאַן האָט אַרויסגענומען אַ שפּאָגל־נייע פול־פעדער מיט אַ נאָטיץ־ביכל און געוואַרט אויף די אדרעסן...

חיים אייזנבערג האָט אין דער טיף אַ קריץ געטאָן מיט די ציין... אָבער ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז פונדעסטוועגן איז ער נישט באַ־רעכטיקט צוריקצוהאַלטן עפעס, וואָס קען אפשר יענעם ברענגען נוצן, און ער האָט אָנגעהויבן צו דיקטירן נעמען און אַדרעסן פון מענטשן מיט איינפלוס, מיט וועלכע ער האָט דורך פאַרשידענע צופעליקייטן, זיך באַקאַנט, און דורך פאַרשידענע רעקאָמענדאַציעס אין משך פון אַ היפּשע פּאָר יאָר זיך דערוואָרבן זייער פריינדשאַפט.

מים וואַנסמאַן איז געזעסן און געוואַרט... 3 4 5... פּראָפע־סאָר קאָן, רעדאַקטאָר איידזש. דר. סיימאָן וועסטקליף... — אָט

אזעלכע מענטשן דארפן מיר האָבן, אפשר האָט איר נאָך אַ פּאָר יידיש־ענגלישע קינסטלער, שרייבער, אָדער וויסנשאַפטלער...

חיים אייזבערג האָט אויסגעשעפּט אַלעס וואָס ער האָט פאַרמאָגט און געבליבן שטיין פאַר איר פּען ווי אַ מאָגערער בראָקן אויפן טעלער פון אַן עזות׳דיקן פרעסער....

— איצט וועגן אייך חבר אייזבערג! ווי איך האָב אייך שוין אין מיין בריוו דערקלערט, — קלאַראַ וואַנסמאַן האָט אָנגעשטעלט דאָס מויל ווי אַ שנאָבעלע און צוזאָגנדיק געשמייכלט...

— מיר ווילן איר זאָלט קומען צו אונז און פּאָר אונזערע חברים האַלטן אַ רעפעראַט איבער ליטעראַטור און קונסט... לאָמיר זאָגן זונטאָג... אַרום האַלב נאָך צוויי, ווען די חברים האָבן שוין אָפּגע־געסן, וועלן זיי נישט קענען האָבן קיין אויסרייד... דערביי קען זיין אַ גוטע געלעגנהייט צו פאַרשפּרייטן אייער בוך... איך וועל שוין זען, חבר אייזבערג, אַז זיי זאָלן אייער בוך קויפן. —

— איך בין נישט קיין אָראַטאָר און קיין מאַסן־רעדנער... וועגן ליטעראַטור און קונסט קען איך רעדן נאָר צו מענטשן, וועלכע זענען צוגעגרייט דערצו... אויב צווישן אייערע חברים זענען דאָ אַזעלכע וואָס קענען די יידישע ליטעראַטור און האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס זיך קלאָר צו ווערן איבער באַשטימטע פראַגן, וואָלט איך אפשר געקענט מיט זיי רעדן איבער די אויפגאַבן און צילן פון דער גוטער ליטעראַטור און זיי אויך אָנגעבן געוויסע ביכער צו ליינען וועגן דעם. —

— יאָ, אודאי... טאַקע אַזוי... זער גוט.. איר טאָרט אונז נישט „דיסאַפּאָינטן"... קומט פּינקטלעך צוויי אַ זייגער... דאָ האָט איר מיין נייעם אַדרעס... ביי מיר אין דער היים טרעפן זיך אַלע צענויף. — קלאַראַ וואַנסמאַן האָט אויף שנעל צענויפגעזוכט אַלע אירע זאַכן, ביכלעך, הענטשקעס, די ציגאַרעטן און דעם האַנט־בייטל און זיך אייליק געזעגנט.

— דו האָסט נישט באַדאַרפט צוזאָגן, אַז דו וועסט גיין צו זיי רעדן... — עלקע האָט זיך געהאַלטן אין איין עסן דאָס האַרץ און פאַר־דריסלעך געקוקט אויף חיים אייזבערג...

— דו צעשטרענצלסט אומזיסט די צייט, פאַרדרייסט דיר דעם קאָפּ מיט גאָרנישט און מוטשעסט דיר נאָר אויס די נערוון... זיי וועלן במילא נישט פאַרשטיין וואָס דו ווילסט צו זיי רעדן און ס׳אינ־טערעסירט זיי אומגאַנצן נישט... די מיס וואַנסמאַן מיינט גאָר, אַז זי טוט דיר נאָך אַ טובה... דו האָסט נישט געהערט ווי זי האָט דיך געהאַלטן אין איין רייך מאַכן אויף איר געמיינעם, גראָבן שטייגער?... און ווי קען מען דען אין איין שעה צייט מיטאַמאָל אָנהויבן פאַרשטיין דעם חילוק צווישן עכטן שאַפן און דעם באַנאַלסטן קוואַטש, וואָס קלעפּט זיך צו זיי שטענדיק צו, ווי אַ נאַסע שמאַטע צום טאָכעס, זאָלסט מיר מוחל זיין פאַר דעם אויסדרוק... — עלקע האָט פאַרשעמט, אָבער זיכער אין דער טרעפלעכקייט פון דעם פאַרגלייך, זיך שטיל צעלאַכט.

— מיט פשוטע אויפריכטיקע ווערטער קען מען אַמאָל קלאָר מאַכן זער פאַרצווייגטע באַגריפן און גאַנץ הויכע ענינים, מיט אַן איינפאַכן וואָרט, מיט אַן ערלעכן וואָרט קען מען אָפט אויפמאַכן די שווערסטע פאַרשטאָפּטע אויערן צו דעם קול פון אַ טיפן אמת... — האָט חיים אייזנבערג זיך געפרווט צו פאַרענטפערן.

— קיינער באַציט זיך נישט מיט אַזאַ גרינגשעצונג צום פשוטן וואָרט, ווי אָט די דאָזיקע פשוטע מענטשן. אַ חוץ דעם איז פשטות אָפט די שווערסטע צוים פאַר דעם אמתן קינסטלער. נישט שטענדיק קען מען פאַרצווייגטע זאַכן מאַכן איינפאַך און דערביי נישט ברעכן זייער רוקן און זייערע לענדן... עכטע קינסטלערישע פשטות איז אַ זעלטענע פרוכט, אַ גליקליכער צופאַל, אָבער אַלס אַ קינסטלעריש גע־זעץ איז זי אַ זיכערער טויט... און אויב דער קינסטלער מוז צוליב דער פשטות אָפּפערן מיט אַ וואָס פאַר אַ נישט איז קינסטלערישע רעגלען, טויג אָט די פשטות נישט. און יענע גרויסע קינסטלערישע פשטות, ווידער, וואָס אַנטשפּרעכט יאָ אַלע געזעצן פון שאַפן און וואָס מ׳דערגרייכט אַמאָל אין אַ געבענטשטער מינוט, נאָך לאַנגער און שווערער אַרבעט, זי ווערט אָפט דורך די גראָבע יונגען געטראָטן מיט די פיס... קיינער צעשיט נישט אַזוי די פּערל פון דער אמת׳ער,

ווערטפולער פּאָלקס־שאַפונג, קיינער אונטערשעצט נישט אַזוי דאָס פּאָלקסטימלעכע, ווי דאָס טוט אָפּט דאָס פּאָלק... אינדיווידועל און דורך דירעקטן קאָנטאַקט ווערסטו דאָס נישט איבעראַנדערשן... וואָס נענטער און דירעקטער דו קומסט צו זיי און רעדסט פאַר זיי, אַלץ ווייניקער ווערט האָסטו פאַר זיי, און במילא שוין אויך דיינע רייד... דו קוקסט נישט ווו דו גייסט און ס'פּאַרדריסט דיך נאָך וואָס דו האַלטסט אין איין פאַלן... — עלקע האָט זיך אַליין געוווּנדערט, וואָס איר האָט זיך איינגעגעבן אַזוי קלאָר און בולט אָנצוּווייזן חיים אייזבערג די נעץ אין וועלכער ער פּלאָנטערט זיך און האָט נישט גענוג מוט זי אָוועקצושאַרן מיט די פּיס...

— אַנטקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט, האָב איך פאַראיאָרן, ווען איך בין געווען אין פּאַריז אויפן קאָנגרעס, געהאַט אַ זער טשיקאַווע איבערגערעדט מיט איינעם פון די דאָרטיקע שרייבער. דעמאָלט האָב איך דווקא פאַרטראָטן דיין מיינונג און איך האָב צוריקגעוויזן דעם שרייבער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין גוגערן איבער דעם „אוממיטלבאַרן און טיפן „פּאָלקס־אינסטינקט", מיט וועלכן דאָס פּאָלק דערפילט כלומרשט דירעקט און אָן שום צוגרייטונג די קונסט און קען בלינדערהייט אונטערשיידן צווישן שונד און עכטער שאַפונג". איך האָב אים גלייך געזאָגט, אַז דאָס איז שקר וכזב... האָט ער מיר דערציילט אַ גאַנצע מעשה וועגן די זונטאָגדיקע פּאָלקס־קאָנצערטן. די פּאָלקס־קאָנצערטן ווערן, לויט זיין מיינונג, באַזוכט פון לויטער פשוטע מענטשן, וועלכע שאַצן זער גוט אָפּ די קלאַסישע מוזיק, וואָס ווערט פאַר זיי געשפּילט. און אַז איינמאָל, ווען דער דיריגענט האָט געשפּילט אַן אייגענע קאָמפּאָזיציע, האָבן זיי אָנגעהויבן פּראָטעסטירן און קלאַפּן מיט די פּיס. זיי האָבן תיכף דערזען דעם חילוק און פאַרשטאַנען, אַז מ'נאַרט זיי אָפּ. מיין מיינונג איז געווען, אַז ס'איז נאָך נישט געדרונגען, אַז דעם דיריגענטס קאָמפּאָזיציע איז דווקא אַ שלעכטע. גיכער איז מעגלעך אַז זיי האָבן די נייע זאַך נישט פאַרשטאַנען און דערפאַר האָט עס זיי גענודיעט. די קלאַסישע מוזיק, וואָס מ'האָט פאַר זיי געשפּילט, האָט געמוזט, ווי געוויינטלעך אויף זונטאָגדיקע פּאָלקס־קאָנצערטן,

באשטיין פון סעריעס לייכטע מינועטן און פון איינפאכער, גרינגער מוזיק, וואס מ׳קען געפינען צווישן די שאפונגען פון אלע קלאסיקער. און א חוץ דעם האבן זיי שוין אט די לייכטע זאכן געמוזט הונדערטער מאל הערן, זיך צוגעוווינען און אויף ווי ווייט זייער קולטור גייט, אויף אזוי ווייט אפשר אויך אביסל פארשטיין... איך האב אים אויך געזאגט, אז אפילו שלום עליכם איז לויט מיין מיינונג קיינמאל נישט ריכטיק אפגעשאצט געווארן פונם פאלק, די אנערקענונג וואס שלום עליכם האט יא, איז נאר א דאנק דער אינטעליגענץ און דער קריטיק וואס האט שלום עליכם׳ן צוריקגעבראכט צום פאלק און אים אנידער־געשטעלט פאר דעם יידישן קלאסיקער. דער שרייבער האט זיך דארט גענומען ווארפן צו דער ערד און מיר געבראכט א באווייז צו זיינע רייד פון זיין אייגענעם טאטן... „ווען די נייעס, אז שלום עליכם איז געקומען צו אונז אין שטעטל אריין, האט זיך צעטראגן איבער דער גאס", האט ער געזאגט, „איז מיין טאטע גראד געשטאנען און געפישט, ער איז אזוי באגייסטערט געווארן פון דער גוטער בשורה, אז ער האט זיך אזש פארגעסן צו פארשפילען די הויזן און איז אזוי געלאפן איבער דער גאס און געשריגן ווו איז ערגעץ שלום עליכם?... און פון דע־מאלט אן האט ער געקריגן דעם צונאמען „משה שטעק אריין"...—

— די טעמפע און גלייכגילטיקע בר׳ מילה׳ס צו וועלכע דו רעדסט זענען גראד די אמתע אפנעמער און די בעסטע קונים פאר אזעלכע פארכלינעטע שונדיסטן אין גראפאמאנען, ווי דיין פריינט, דער פאריזער שרייבער מיט זיין ליטערארישן באנעצטן טאטן...—

— פונדעסטוועגן קען א שרייבער דאך נישט לעבן אן דעם פאלק און זיין שאפן האט נאר א ווערט אויף וויפל ס׳דינט דעם פאלק און קעמפט פאר די רעכט פון די מענטשן... — האט חיים אייזנבערג אויף איר אויסגעשטעלט זיינע גרויסע אויגן.

עלקע איז געווארן אין כעס. — דו פארשטייסט נישט וואס איך רעד, צי מאכסטו דיך, אז דו פארשטייסט נישט?... איך פארטרעט נישט יצחק קאלעכשטיינס מיינונגען... איך טייל נישט אפ די קונסט פון די אנגעווייטיקטסטע פראבלעמען פון לעבן און די בלוטיקסטע

ראַנגלעניש פון די מענטשן, נאָר איך מיין, אַז דער שרייבער קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיין געוויינטלעכער שטים, און אויף זיין דירעקטן פערזענלעכן קאָנטאַקט. דאָס קונסט ווערק רעדט שטאַרקער, די שטים פון אַ שאַפונג גרייכט ווייטער און ווירקט טיפער און דויערהאַפטיקער.

— איך פאַרשטיי וואָס דו מיינסט און איך ווייס אַז דו ביסט גערעכט, — האָט חיים אייזנבערג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — די סביבה אין וועלכער דער קינסטלער דרייט זיך אָפּט איז פול מיט שטיק־שטאָף און פאַר'סם'טער לופט, וואָס ליגט זיך אויפן האַרצן און שטיקט דעם אָטעם... מיר איז גראָד איצט איינגעפאַלן עפּעס אַ שטיקל פאַרגלייך, וואָס וועט דיר דאַכט זיך געפעלן, הער אויס:

צווישן דעם שאַפן פון אַן אמת'ן שרייבער און צווישן דעם פּאַטשקען פון דעם גראַפאָמאַן און שונדיסט איז דאָ דער פאָלגנ־דיקער חילוק. ביי דעם גוטן שרייבער גייט דער פּראָצעס אויף דעם זעלבן שטייגער, ווי דער פּראָצעס פון פאַרדייען און אויסטיילן ביי פלאַנצן; די בלומען עסן אין זיך אַריין שטיק־שטאָף און גיבן אַרויס לויטערע לופט, וואָס דערפרישט דעם אָטעם און דערהאַלט דאָס חיות. ביי דעם גראַפאָמאַן און ביי דעם שונדיסט, פאַרקערט, איז דער אַקט אַן „עכט מענטשלעכער", זיי פרעסן אין זיך אַריין פיש, פלייש און געבראָטנס, כאַפּן פון די פאַרטיקע טישן, וואָס זענען פול מיט גוטע פּאָטראַוועס און מיט כל טוב און זיי גיבן אַרויס ריינעם טינופת...—

— דאָס אומגליק איז, וואָס די אַלע גראַפאָמאַנען און שונדיסטן שטייען ביי די שיסלען, זענען די וואָרט־זאָגער און נעמען דעם גייסט, די נשמה, דעם כבוד פונם פאָלק אין אַרענדע, ווי די שראַנקן־יידן. אויב דער עכטער שרייבער זאָל קענען עפּעס דערגרייכן און נישט אויסגיין, ווי אַ ליכט, מוז ער, אַ חוץ טיפן געפיל און גרויסער ליבע, פאַרמאָגן אויך אייזערנע לינגען און אַ האַרץ פון קופּער צו קענען אָפּט אַריבערטראָגן דעם בזיון. און אויב דער עכטער שרייבער זאָל אויך וועלן לעבן, האָב איך מורא, אַז ער דאַרף אַ חוץ זיין טאַלאַנט האָבן נישט נאָר די חוצפה פון אַ מאַרק־הענדלער און די אומ'רחמנות־דיקייט פון אַ גרויסן סוחר, נאָר ס'מוז אין אים שטעקן אויך די אומ־

פאַרשעמטקייט פון אַ געשיקטן קאָמי־וואָיאַזשער — האָט עלקע זיך גענומען אַוועקשטעלן דעם ענין נאָקעט.

איבער דער אַנדערער זייט גאַס, אויפן טראָטואַר, האָבן קינדער זיך געשפּילט. דער קליינער אַנטאָני האָט זיך אַלעמאָל צעלייגט אויף דער ערד און געשריגן — איך בין טויט... טראָגט מיך אַוועק....

אַ גאַנצע כאָפּטע קליינוואַרג האָט אים אַרומגערינגלט, געוואַרט ביז ער וועט פאַרמאַכן די שוואַרצע אויגן און אויסציען דאָס שפּיציקע גאָמבעלע...

די דאַרע איוואַנע מיט די לאַנגע, דינע פּיסלעך, האָט מיט אַ פלינקן ווינק אַוועקגערופן די קינדער. זיי זענען אַלע אויף די שפּיץ פינגער אַוועק און פון אונטער די ווענט געקוקט, ווי אַנטאָני ליגט לאַנג מיט די פאַרמאַכטע אויגן, וואַרט, שטייט דערנאָך אויף אַן אַנ־טוישטער און פאַרלאָזטער און פאַרשטייט נישט פאַרוואָס די קינדער, וואָס האָבן שטענדיק אַזוי ליב צו זען ווי ער וואַרפט זיך אויף דער ערד און לאָזט זיך שלעפּן, האָבן פּלוצים פאַרלוירן דעם גאַנצן אינ־טערעס אין אים אין זיין אויפטו און אין זיין גרייטקייט...

עלקע האָט פון אונטער דעם פאַרשאַרטן פאַרהענגל זיך געחידושט אויף די כיטרע שפּיצלעך פון די „אומשולדיקע" קינדער.

אַנטאָניס מאַמע האָט זיך געריסן דאָס האַרץ — קום אַהער אַנטאָני, „דאַרלינג"!... קום זשע, טייערער!...

אַנטאָני האָט אויסגעדרייט אַ קוטשעראַווע קעפּל, זיינע אויגן האָבן זיך געגעבן אַ גליטש איבער דער מאַמעס פּנים און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן וועג ווו ער האָט דערזען דייווידן וואָס האָט גע־שפּאַנט מיט אַ שטעקן פאַרויס, ווי אַ סאָלדאַט און די קליינע געל־האָריקע דזשאַאון, וועלכע האָט געשלעפּט אַ קליינער קינד צו זיך אויף די הענט און איז דערמיט אַלע מאָל אומגעפאַלן....

— לאָז אָפּ דאָס קינד! — האָט עלקע אַ קוויטש געטאָן, און זיך געלאָזט אַראָפּלויפן.

דזשאַאון האָט אָבער נישט געוואָלט הערן, זי האָט די „בייבי" ווידער געפּרוווט אויפהויבן און ווידער מיט דעם קינד געפאַלן צו דער ערד...

3

אין מיטן העלן טאָג האָט ביי קלאַרא וואַנסמאַן אין שטוב געברענט דאָס עלעקטרישע ליכט. אויפן פענצטער האַלב אין דער ערד איז גע־האַנגען אַ פּלושענער פאָרהאַנג פון אַ טונקלעם געלבלעך רויטן ציגל קאָליר און צווישן די געדעכטע פראַנזן האָט זיך געבראָכן די באַטאָגי־דיקע שיין, וואָס איז ליכטיק געפאַלן אויף די אויבערשטע שויבן.

זונטאָג האָט זי געקאָכט אַ ראָסל מיט ציבעלעס. דער גערוך האָט היימיש אַרומגענומען נאָך איידער מ׳האָט אויפגעמאַכט די טיר און ווי אַן אייגענעם, גוט־ברודעריש אַריינגעפירט אינווייניק. . . .

— העלאָו קלאַראַ ! ! ... וווּ איז זי ?... נאָר זי האָט נישט קיין צייט... וואָס איז דאָס עפּעס, נאָך קיינער נישטאָ פון די חברים, זיי שלאָפן נאָך ?... אַ חברה... איך בין פּונקטלעך... דער רוח וועט זיי נעמען, ווען זיי וועלן זיך צענויפקומען...—

עליע באָקסער׳ס אונטערשטע ליפּ איז פאַרלאָפן געוואָרן מיט סלינע. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש און גענומען אָנמאַכן אַ רויך... די בליקן האָבן זיך ביי אים אָפּגעשטעלט סאַמע אויבן אָן, ווו ס׳איז אין מזרח געהאָנגען, גרעל צעליאַפּעט דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער מיטן באָקל, וואָס האָט טויב און פוסט געשטאַרט, ווי אַ טאָק פון קויטשוק אַוועקגעלייגט אויף דעם פעטן אָרעם. — „חברים שאַצט די גרויסע קונסט ירושה“..— האָט ער מיט כוונה און דבקות געלייענט די געצאַצקעטע אונטערשריפט.. ער האָט זיך באַ׳נחת׳ט און דער קוק אין זיינע אויגן איז געוואָרן ווייך און צעקראָכן, ווי אַ צע־קוועטשטער קניש. . . .

און אָט האָבן די אייגן מיטן פלאַטער פון אַ פליג אָנגעשפּאַרט אויף

אַ לאַנגער פּאַליצע, הויך אונטערן סופיט... ער האָט זיך אויפגעהויבן. איין האַנט איז ביי אים געווען ווי צוגעקלעפּט צו דער הויזן קעשענע און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אַ נעם געטאָן אַ בענקל און זיך אַרויפגעשטעלט. זיינע פאַרויכערטע פינגער מיט די אָנגעגרובעטע נעגל האָבן אָנגעהויבן אַרומקריכן איבער די פאַרשטויבטע גרינע, גראָע, רויטע, בלאָע, געלע און ברוינע טאָוועלעך. ער האָט אַפּירגעשלעפּט אַ בוך, אַ קוק געטאָן, צוריקגעלייגט און גלייכגילטיק אַפּירגעשלעפּט אַן אַנדערעס...

— וואָס פאַרפּלאָנטו דיך אַרום אין שטוב, ווי אַ הון אין מיסט?

— האָט דזשאָזעף פּלוים געשריגן אין דער טיר... — אַ פייער זוכט אים! — האָט ער אַ צי געטאָן לייבל יאַפּע ביים אַרבל... — מ'דאַרף אים אַפּירשלעפּן דאָס בענקל פון אונטער די פיס, זאָל ער זיך איבער־קערן, וועט ער פאַרשפּאָרן זיך צו דראַפּן אויף די גלייכע ווענט... — די גאַנצע חברה קומט שוין, קריך אַראָפּ עליע, — האָט לייבל יאַפּע באַ־פוילן — ווילען מיר מאַכן די פּראָבע... לאָמיר נעמען אַ ייד אין באָד...

לייבל האָט אַ ריק געטאָן דאָס בענקל און איז דערמיט פאַרלאָפן ביז אין מיטן שטוב אַריין. ער האָט דאָס בענקל איבערגעקערט און דאַרויף געבליבן זיצן אויסגעדרייט מיטן אונטן צו דער משפּחה... די אויגן־לעפּלעך זענען אים אַראָפּגעפאַלן און אַרויסגעלאָזט צוויי ברא־דעווקעס, האַרטע, ווי די קערן. ער האָט זיך מיט די פינגער פאַר־שטאָפּט די נאָז לעבער, שיער נישט צום פּלאַצן און איז געוואָרן שטאַרק רויט אין פּנים. ער האָט אָנגעהייבן מאַכן אומגעלומפּערטע הויות, קלעטערן מיט די הענט אין דער לופטן, קראַצן זיך אין קאָפּ אין האַלדז און נאַקען און אונטער די פּאַכוועס... — איי ס'איז גוט... ס'איז גוט... גיסט אונטער... גיסט אונטער.., — האָט ער געפּאָנפּעט, געבלאָזן מיט די ליפּן און געשריגן, ווי פון אַ זאַק אַרויס — מאַכט פּאַרע, אַ רוח אין אייערע טאַטעס!!! איי... איי... איי... און אויפצוכלומרשט זיך גענומען שמייסן די פּלייצע...

— נו, ווי געפעלט אייך די סצענע אין באָד?... הע!... גוט, אַ יאָ?. אַז איר וועט קלאַפּן בראַוואָ, וועל איך מאַכן נאָך עטלעכע סצענעס.

לייבל׳ס אויגן האָבן צופרידן געגלאַנצט און ער האָט זייער אַנגעקוואָלן...

דער עולם האָט אים אַרומגעסטאַמפּעוועט. — דערלאַנג „אַ באַל־שעוויק" פון משה נאַדיר... — האָט מען געשריגן פון אונטן. — „דער נאַקעטער יונג פון די בלאַטעס" פון איציק פעפער — האָבן אַנדערע זיך געבעטן.

— לאָז מיך פריער מאַכן „אַ חזן אַ שיכור" פון מאָררים שוואַרץ־— האָט עליע זיך געשפּאַרט...

— לאָמיר דאָס אָפּשטימען — האָט זיך לייבל פאַרגלייכט. — ווער ס׳איז דערפאַר, זאָל אויפהייבן אַ האַנט...

קלאַראַ וואַנסמאַן האָט פלינק געגרייט צום טיש.

— נו, חברה... מ׳גייט נישט קיין טאַנץ פאַרן עסן... לאָזט אייך נישט לאַנג בעטן.

זי האָט דערלאַנגט אַ רויט געדעכטע קאָנסערוון זופּ און ברוינע שטיקער ראָסל פלייש, מיט הייסע קאַרטאָפליעס און געזאָטן קרויט...

קלאַראַס אייגענער חבר, וועמען די חברה האָבן געקענט אונטערן נאָמען קלאַראָוויטש, האָט זיך וואַזשנע אָוועקגעזעצט אין פראָנט...

די חברה האָבן מיטאַמאָל פאַרנומען די בענקלעך...

— איר מעגט עסן וויפל איר ווילט... עסט... עסט... מ׳זשאַלעוועט אייך נישט חברים — האָט ער זיי ברייט אויפגענומען...

— אַ, אַ מחיה, אַז ס׳עסט זיך גאָר אַנדערש דאָ ביים טיש... מ׳קען דעם ראָסל איינשלינגען אינאיינעם מיט די טעלער און מיטן טישטוך... האָט עליע זיך געצויגן און געשטרעקט די מוסקולען.

— קלאַראַס מאכלים שמעקן שוין איינמאָל גוט... די ענגלענדער וואָלטן זיך געמעגט ביי איר אַביסל צולערנען... אַ „פּודינק" מיר זיי מאַכן... ווי דאָס זעט אויס... נישט קיין לאָקשן און נישט קיין קוגל, נאָר עפּעס אַ צעקראָכענע בולקע, וואָס שוויצט... — האָט לייבל יאָפּע זיך צעלאַכט און אַלע באַשפּריצט מיט צעקאַיעטע דר:יבלעך באַרבור־ליעס מיט ראָסל...

— ווער פון אייך ווייסט וועגן אַ גוטער „שאָפּ", חברה? מיט אַ פראָנט, ווו מ׳קען אַרויסהענגען אַן אויסגעפּרעסט שטיקל אַרבעט...

אַן אויסגעפּרעסטער אַנצוג, אַז ער הענגט אין אַ גוטן פּראָנט זעט ער גאָר אַנדערש אויס... ווען איך קריג אַ גוטע „שאַפּ" וואָלט איך ביז אין דריי חדשים אַרום מיין בעל־הבית אַריינגעשטעקט אין וועסטל־קעשענע — האָט דזשאָזעף פּלוים זיך באַרימט...

די חברים האָבן ווי אין אַ כאָר זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן, באַגלייך זיי וואָלטן געכאַפּט אַ ברי, זיי האָבן אים אָבער גאָרנישט געענטפערט.

— דו קלויבסט דיך צו ווערן אַן עקספּלאָאַטאָטאָר, אַ קאַפּיטאַליסט ? — האָט קלאַראָוויטש מיט טיפער קנאה און מיט געמאַכטן ביטול געחוזקט...

— איך וועל שטענדיק בלייבן געטריי אונזער קונסט און קולטור קרייז — האָט אים דזשאָזעף היים צוגעזאָגט...

— דריי נישט קיין ספּאָדעק מיר האָבן איצט וויכטיקערע זאַכן צו דערלייזן... מ'דאַרף צענויפזאַמלען די אונטערשריפטן פון דער גאַנצער יידישער און נישט יידישער באַפעלקערונג פון דער „איסט ענד" — איז אים לייבל אַריינגעפאַלן אין די רייד....

— מיר טאָרן אויך נישט פאַרגעסן, אַז אויף אונז ליגט די אויפגאַבע אַריינצורעדן דריגען אין דער פּרעסע... מיר מוזן זען, אַז „סצענאַריום" זאָל מאַכן אַ נאָטיץ וועגן אונזער דראַם־קרייז און מיר מוזן אויך פּרוון אים צוברענגען צו אונזער פאָרשטעלונג און זען, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ באַריכט, האָט עליע זיי איבערגעשלאָגן מיט אַן אַפּלאָמב....

— איך בעט דאָס וואָרט, חברים — האָט קלאַראַ וואַנסמאַן אַ געשריי געטאָן.

— איך האָב אַ בעסערן פאָרשלאַג: איך נעם אויף מיר צו ברענגען יצחק קאַלעכשטיין אין אַן אויטאָ צו אונזער פּרעמיערע פון די „דריי נייטאָרנס" די „דריי מתנות" און „זינדיק בלוט" פון יהודה לייב פּרץ.. איך קען אויך ביי אים פועלן, אַז ער זאָל האַלטן אַ רעדע וועגן קונסט און קולטור... ביז ער וועט ענדיקן וועל איך מיך דערוויל קענען פאַרגרימירן... איר וועט פאַר מיר אַלעם צוגרייטן... איך קען מיינע ראָלן אויסנווייניק...

—מיר קענען זיך אויף איר פאַרלאָזן — האָט לייבל אויפגעהויבן

אַ האַנט און איר געוואָלט אַ קלאַפּ טאָן אויף דער פּלייצע, נאָר קלאַרא וואנסמאַן האָט שוין אָנגעשפּאַרט אין אַנדערן עק, ביי דער טיר...

— נאָך „טי טיים" לאָזן מיר זיך אַרויס איבער ווייטשעפּל — האָט שלמה קריזש אָנגעשטעלט דעם קאָפּ און אַרויסגערוקט די ברוסט, ווי אַ סאָלדאַט.

— איך גיי זיין אַ שלאָגלער, אַ סטאַכאַנאָוויץ... ווער גייט מיט מיר אַרויס אויף אַ סאָציאַליסטישן געוועט? איך וועל אייך אַלע איבער־שטייגן — האָט דזשאָזעף פּלוים געברענט...

— די פּעטיציע מוז ביז דריי טעג אָנקומען צום אינערן מיניסטער און ער מוז אָפּשטעלן „מויזלים" מאַרש דורך ווייטשעפּל... מיר וועלן די שוואַרצע, פאַשיסטישע פּעסט דערטרענקען אין פּוילע מאַראַנצן און אייער שאָלעכץ... איך האָב געהערט, אַז די „אָלדגייט באָיעס" האָבן פאַר זיי צוגעגרייט די אמתע פּאָרציע... אהרקעלע קון, קען נעמען אַ טוץ פאַשיסטן אויף יעדן פינגער... נעט פּין, קען זיי פּאַטשן זיצנדיק, ער איז שוין איינמאָל אַ באָקסער, ער איז דער צוקונפטיקער וועלט „טשעמפּיאָן"... פרענק כהן און בן לעווינסקי גיבן זיך אַ ריר קענען די „שוואַרצע העמדלעך" קלויבן די ציין אין „הייד פּאַרק" און זייערע הויזן קענען זיי געפינען אַזש ביי „העקני סטיישאָן" מיט איין בלאָז פליען די פאַשיסטן, ווי די פּערדרן. אין לייבלס אויגן זענען די גוזמאות געוואָרן אַלץ אמתדיקער און אַלץ זיכערער און זענען געוואַקסן אינ־איינעם מיט דער שפּאַנונג, וואָס זיי האָבן ביי די אָרעמיקע אַרויסגערופן.

— נו, חבר'טע קלאַרא, איר קומט מיט מיט אונז? — האָט שלמה קריזש אָפּגעשטעלט די מיס וואנסמאַן, וועלכע האָט זיך צוריק אומגע־קערט און זיך אָנגעהויבן שטופּן צווישן די בענקלעך, וואָס זענען איר געשטאַנען אין וועג צו דער פּאָליצע. און ער האָט איר צוגעלייגט פינעף האַרטע, בריענדיקע פינגער צום אויבערשטן, גראָבן פליש פון דער נאַקעטער האַנט...

קלאַרא וואנסמאַן האָט זיך גענומען דרייען אויף איין אָרט, ווי אַ הון וואָס וויל זיך זעצן... אין די הענט איז איר געווען איבריק דאָס פּעקל ביכער, וואָס דער פאַרסאָפּעטער יעקב לייב מישזאָן האָט איר אָנגעהאַנגען, גלייך ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב אַריין.

יעקב לייב מישזאָנס אויגן זענען אין צווישן געבליבן הענגען אויף די אַרומיקע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווער ס׳איז דאָ אַלץ נישטאָ און טרויעריק געטראַכט צי וואָלט כאָטשע איינער פון זיי זיך געקענט כאַפּן אויפן תיקון טעות...

קלאַראַ וואַנסמאַנס בליק האָט זיך גראָד אָנגעשלאָגן אין חיים אייזבערג, וועלכער איז נאָר וואָס אָנגעקומען.

— גוט, וואָס איר זענט דאָ חבר... זיצט... זיצט. . זי האָט זיך איבערגעקוקט מיט איר חבר קלאַראָוויטש...

חבר קלאַראָוויטש האָט זיך איבערגעקוקט מיט יעקב לייב מישזאָן און איז מיט אים אַרויסגעגאַנגען אויף אַ סוד אין צווייטן צימער...

קלאַראַ וואַנסמאַן האָט כיטרע אַ וואָרף געטאָן אַ בלאַטן ווינק צו שלמה קריזש — גיט עס אַ שיס אַרויף אויף דער פּאָליצע, חבר — האָט זי אים דערלאַנגט דאָס פּעקל.

די חברה זענען מיט אַמאָל געוואָרן זער פּאַרנומען... זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען, שטופּן זיך אין רעדלעך, גייען אַרום און אַריין... קלאַראוויטש איז אַריינגעקומען און מים וואַנסמאַן איז אַרויסגעלאָפן, עליע באָקסער איז נאָכגעגאַנגען איבערצוּרעדן מיט מישזאָנען און דערנאָכדעם אים אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין און צוגעפירט צו איינעם פון די רעדלעך...

מישזאָן האָט געוואָרפן אומרואיקע בליקן אויף חיים אייזבערג, באַגלייך ווי חיים אייזבערג וואָלט אים געווען אין וועג; אַלעמאָל האָט זיך מישזאָן מורא׳דיק אַוועקגעדרייט ווי חיים אייזבערג וואָלט אים דאָ קאַליע געמאַכט דעם יריד. און בשעת מעשה האָט ער, מישזאָן, פּאַמעלעך און פּאָרזיכטיק זיך גענומען אַריבערצופירן דעם שמועס אויף זיך און געפּרוווט איבערצייגן די חברים אין עפּעס וואָס האָט אים אויסגעזען צו זיין זער וויכטיק פאַר זיין פּרעסטיזש. . . .דאָס רעדל אַרום אים איז געוואָרן אַלץ גרעסער.

חיים אייזבערג האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין אָרט, ער האָט זיך דאָ געפילט אומגאַנצן איבריק און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אז ווען ס׳עפנט זיך אַ גרוב וואָלט ער אין אים אַריינגעשפּרונגען. . . .

— איר מעגט אייך שעמען... ס'איז נישט שען פון אייער זייט... היינט האָט איר אייך נישט באַדאַרפט אָנשיכורן... היינט האָט איר באַדאַרפט מאַכן אַן אויסנאַמע צוליב דעם „נאָכמיטאָג" פון אונזער קונסט און קולטור־קרייז און דאָסמאָל נישט טרינקען... איר האָט באַדאַרפט אָפּפּערן מיט אייער דיכטערישער שטימונג פאַר דער דיסציפּלין און כבוד פון די ליטעראַריש קולטורעלע קונסט-פאַרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער יוגנט פון דער אַרבעטער אינטעליגענץ... — האָט קלאַראַ וואַנסמאַן אַריינגערעדט אין דער אויפגעמאַכטער הינטער־טיר.

אין האַלב טונקעלן שיין האָבן זיך אַ הוידע געטאָן אַ פּאָר פאַרגלייזטע איבערגעקערטע אויגן. די נאָז איז ביי דעם דיכטער געווען רויט און פאַרסמאַרקעט און די הויט פון זיין פּנים האָט דערמאָנט אין אַ פאַרגעלט ווינדל...

— לאָזט מיך אַריינגיין — האָט ער זיך געבעטן, ווי אַ פאַריתומט קינד און זיך אַ שטופּ געטאָן.

— אָט גייט אונזער גרויסער דיכטער, דער גרעסטער יידישער דיכטער, וואָס איז אפשר נאָך גרעסער, ווי דער גרעסטער ענגלישער דיכטער, וואָס איז אפשר נאָך גרעסער פון אַלע דיכטער פון אַלע פעלקער... הויבט אייך אויף... לאָז זיך אונזער שעקספּיר אַנידערזעצן... — האָט קלאַראַ וואַנסמאַן קאָמאַנדעוועט...

עליע באָקסער, האָט דעם דיכטער אַוועקגעזעצט אונטער דער מאַדאָנאַ'ס בילד...

קלאַרא וואַנסמאַן האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט אַן ענגלישן „קייק" מיט „פּעיסטרים"...

— קומט אַהער מומע — האָט דער דיכטער זי אַ צי געטאָן ביים קליידל — שיקט עמיצן אַריינברענגען אַ פלעשל וויין... ער האָט פון דער קעשענע אַרויסגעשלעפּט אַ לאַנגע קישקע וואורשט, און זי גענומען דרייען און קוועטשן צווישן די צעפוילטע ציין.

קלאַראַ וואַנסמאַן איז צונטער־רויט געוואָרן, נאָר זי האָט אַראָפּגעשלונגען די באַליידיקונג און זיך נישט וויסנדיק געמאַכט... — מ'דאַרף דעם דיכטער ברענגען וויין — האָט זי זיך געווענדעט צו די חברים.

— ער קען אָן קיין וויין נישט לעבן — האָט עליע אים באַדויערט און באַוואונדערט...

— אַ דיכטער אָן וויין, איז ווי אַ פֿויגל אָן פֿליגל — האָט דזשאָזעף פּלוים געזאָגט און אַרויסגענומען אַ פּאָר האַלבע קרוין פֿונם בייטעלע— דערלייג און קויף אים צוויי פֿלעשלעך, וועט ער איינס קענען זיך מיט־נעמען אַ היים — האָט ער שלמה קריזש דערלאַנגט דאָס געלט.

— חברים, מיר טרעטן צו צו דעם ליטעראַרישן נאָכמיטאָג — האָט חבר קלאַראַוויטש אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש. ער האָט אָנגעהויבן פֿאַרליינען אַ לאַנגען באַריכט אויף צען בייגעלעך און אויסרעכענען וויפֿיל מאָל קלאַראַ וואַנסמאַן איז געווען פּאַרזיצערין, וויפֿיל מאָל זי האָט געהאַלטן אירע רעדעס און ווער פֿון די חברים, ס'האָט וואָס בײַ־געטראָגן, פֿאַרגעליינט און גערעדט... ער האָט ביי דער געלעגנהייט בלויז אויסגעדריקט באַדויערן, וואָס די „גענעראַלן" צווישן די יידישע שרייבער אין לאָנדאָן זענען אַזוי צעריסן צווישן זיך און קומען נישט אַהער. זיי לאָזן זיך בעטן. — אונזער אויפֿגאַבע איז זיך צו פֿאַראייניקן און צו קאָאָרדענירן אונזער ליטעראַריש קינסטלערישע אַקטיוויטעט... ווען די גענעראַלן קומען צו אונז וואָלט אויפֿגעבליט דער קולטור־מצב פֿונם יידישן פֿאָלק... זיי דאַרפֿן אונז העלפֿן פֿאַרשפּרייטן ליכט צווישן די מאַסן...

די חברה האָבן צוגעשטימט און געפּלעסקעט מיט די הענט....

קלאַראַוויטש האָט מיטן ווייז־פֿינגער אַ רוף געטאָן קלאַראַ וואַנס־מאַן.

קלאַראַ וואַנסמאַן האָט אַריינגעלייגט איין האַנט אין דער אַנדערער און זיי אָנגעשפּאַרט אין בויך און בוזים, ווי זי וואָלט געוואָלט אויף איר ווייבערישן שטייגער זיך אונטערגאַרטלען, נאָר זי איז בלייך געוואָרן, די אַקסלען האָבן איר געציטערט און דאָס קול האָט זיך גע־דרייט פֿון באַס צו קוויטש און צוריק... — דער זיידע, מענדעלע מוכר ספֿרים איז דער זיידע פֿון דער יידישער ליטעראַטור. פּרץ איז אונזער קלאַסיקער. „די דריי נייטאָרינס", „די דריי מתנות" און „זינדיק בלוט", זענען די בעסטע סאָציאַלע שאַפֿונגען פֿון דער וועלט, וואָס אונזער

דראַם-קרייז גייט אויפפירן, און לאָנדאָן, וואָס קען נאָר כינקע פינקע, וועט זען וואָס ס'הייסט יידישע קולטור... אין פוילן האָבן מיר אי גענע-ראַלן אי סאָלדאַטן, אין אַמעריקאַ האָבן מיר נאָר גענעראַלן, אין לאָנדאָן האָבן מיר נישט קיין גענעראַלן און נישט קיין סאָלדאַטן און ווען נישט אונזער קונסט, קולטור און ליטעראַטור קרייז, וואָלט דאָס פעלד דאָ איינ־גאַנצן פאַרוואָרלאָזט געוואָרן און דער גרעסטער דיכטער וואָס מיר האָבן דעם כבוד אים דאָ צו האָבן, ווערט אויך נישט גענוג אין דעם היגן סדום אָפּגעשאַצט און קריגט דאָ נישט די פאַרערונג, וועלכע ער פאַרדינט...

קלאַראַ וואַנסמאַן האָט אַרויפגערוקט די רעכטע האַנט אויף דעם אוועקשטייענדיקן בוזעם און אָפּגעשטעלט די גראָע אויגן אויף דעם דיכ־טער, וואָס האָט געגאָסן פון יענער זייט גלעזל און געלאָזט רינען דעם וויין איבערן טיש און אויף די הויזן.

— אין אונז האָט איר די איבערגעגעבנסטע פריינט און פאַר־ערער... מיר ווייסן, אַז איר זענט געבענטשט מיט דער טייערסטער מתנה פון דער וועלט... מיר זענען נישט קיין באַלעבעסלדיקע מענטשן און מיר פאַרשטייען אייער קינסטלערישע נאַטור און, אַז איר זענט העכער פון צייט און רוים און, אַז איר מוזט האָבן פרייהייט צו טאָן וואָס איר ווילט... חברים אַקטיוויסטן, מיר דאַרפן צעפלאַקערן דאָס ליכט און אָפּן אַרוים אויף דער גאַס. לאָנדאָן איז דאָס וויגעלע פון דער יידישער ליטעראַטור, מוזן מיר ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדים, וועלן מיר פאַראייביגט ווערן אין דער קולטור געשיכטע... און מיר האָפן, אַז די שרייבער, וואָס זענען די „גענעראַלן" וועלן אויך קומען צו אונז...

די חברה האָבן געקלאַפּט מיט די פיס, געפּאַטשט מיט די הענט און געשריגן. בראַוואָ, קלאַראַ...

— איך בעט דאָס וואָרט — האָט זיך יעקב לייב מישזאָן אויפ־געהויבן.

קלאַראַוויטש האָט אים אַ רוף געטאָן מיטן וויז-פינגער.

מישזאָן איז רויט געוואָרן און צוגעגאַנגען צום טיש.

— איך מיין, אַז די חבר'טע, האָט געמאַכט אַ שטיקל טעות...

אמתע שרייבער זענען נישט קיין גענעראלן, זיי זענען פּריוואַטע סאָלדאַטן, וואָס לויפן די ערשטע אין פייער אַריין און זיי זענען אָפט די ערשטע צו פאַלן אויפן שלאַכטפעלד פאַר אַ בעסער און שענער לעבן, פאַר אַ העכערער מאָראַל און פאַר אַ בעסערער און געזונטערער מענטשהייט... אָבער, אפילו ווען זיי פאַלן, זיגט זייער כח; כאָטש זייערע וואָפן באַשטייען בלויז פון אַ פעדער מיט פּאַפּיר. און ביי דער געלעגנהייט וויל איך אייך בעטן חבר'טע, אַז איר זאָלט ציען די אויפ־מערזאַמקייט פון די פאַרזאַמעלטע צו מיין בוך...

— „היר"! ! ! „היר"! ! ! — האָט חיים אייזנבערג אויסגערופן און גענומען קלאַפּן בראַוואָ, נאָר קיינער האָט אים נישט אונטערגעהאַלטן.

דער „באַרימטער" דיכטער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט דער האַנט אַלעס אַראָפּגעשאַרט אויף דער ערד. ער האָט זיך צעשריגן:

— וואָס קאַקט זי דאָרט אַרום מיט קולטור?... פאַרוואָס לערנט איר אייך בעסער פריער נישט אויס ליינען?... פאַרוואָס גייט איר נישט פאַרשפּרייטן מיינע ביכער?... ווער פון אייך האָט שוין מיין בוך געקויפט?... און פאַרוואָס באַצאָלט איר מיר נישט?...

— קלאַראַ וואַנסמאַן האָט געגעבן אַ קרום־זייטיק שמייכעלע און אויסגעשטרעקט די הענט, ווי צו באַרויקן אַ צעוואַויעט קינד, — איר מוזט אונז אַנטשולדיקן, וואָס מיר האָבן נאָך נישט גענוג פאַרשפּרייט פון אייער ווערק, מיר האָבן עס אָבער אַלע געליינט...

— ווען וויל זי באַרען די קורווע? וואָס מיינט זי, אַז זי רעדט דאָ צו יענעם פאַרץ אין ראָסל — האָט ער מיט דער האַנט און מיט די אויגן אַ ווייז געטאָן אויף יעקב לייב מישזאָן... — ווען טוט איר אַ טובה מיט אייער ליינען?! פאַרוואָס פאַרשפּרייט איר נישט דאָס בוך און באַצאָלט מיר נישט דאָס געלט?! — האָט ער אַלץ העכער געהילכט.

די יונגען זענען געשטאַנען ערפּאַכטיק און דערשראָקן, ווי די

הייליקע אַפּאָסטאָלן, וואָס וואָלטן געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג דעם שטן, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אין זיי גובר צו זיין דאָס פרויען־אָפּ־בילד, וואָס זיי טראָגן אין האַרצן. . . .

מישזאָן איז פאַמעלעך צוגעגאַנגען צום גרויסן דיכטער און אים אַ פּליאַסק געטאָן אין דער מאָרדע אַריין און זיך שנעל אָפּגעטראָגן...

עליע באָקסער און דזשאָזעף פּלוים האָבן דעם דיכטער אָנגענומען אונטער די אָרעם און אים אַרויסגעשטופּט אין דרויסן אַרויס... גייט... איידער מיר ווערן בייז... גייט אַ היים און לייגט אייך שלאָפן...

חבר קלאַראָוויטש האָט צוגעריקט אַ בענקל פאַר קלאַרא וואַנסמאַן.

— באַרואיק דיך... מ'האָט אים נישט באַדאַרפט לאָזן דאָ ביי אונז טרינקען... אַ פאַרשאָלטענער טאַלאַנט... אַ זשעני און אַ משוגענער. — ער האָט זי געגלעט איבערן פּלאַטשיקן שטערן און איר אויסגעגלייכט די האָר אויפן פלאַכן קאָפּ. איר נאָז האָט זיך נאָך מער אויסגעצויגן, די אויגן האָבן געקוקט, ווי זאַלושעט, דאָס קורצע גאָמבעלע האָט זיך נאָך טיפער אַרונטערגערוקט און זי האָט נאָך שאַרפער אָנגעהויבן דער־מאָנען אין אַ מויז...

די חברים האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין...

— קומט חברטע קלאַראַ, מיר גייען זאַמלען די אונטערשריפטן — האָט עליע באָקסער זי געמונטערט.

— קלאַראַ וועט היינט נישט גיין — האָט קלאַראָוויטש פאַר איר געענטפערט. — איר זעט נישט, אַז זי איז מיד און אויפגערעגט און קוקט אָן דעם רומל, וואָס מ'האָט אונז דאָ אָנגעמאַכט... קומט אַריין אויף דער נאַכט און העלפט אונז אויפרוימען און איבערוואַשן דאָס געפעס...

קלאַראַ וואַנסמאַן האָט זיך מיט אימפּעט אַ הויב געטאָן, אַרומגע־נומען קלאַראָוויטשן אַרום די ברייטע פּלייצעס — מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז פּערזענלעכע היִרכפּאַלן און אינדיווידועלע געפילן און שטי־

מונגען זאָלן אונז אַנטמוטיקן און אָפּקערן פונם סאָציאַלן חוב, חבר!...
גיב מיר דעם מאַנטל, איך גיי... וואַרטס צו חברים.. זי האָט זיך צוריק
דערכאַפּט פון דעם טשמעל און ווידער אָנגענומען איר שטענדיקן,
ווייבלעך באַפּעלערישן טאָן...

— איך קום אויך מיט! — האָט חיים אייזנבערג מיטאַמאָל אַנט־שלאָסן אויסגערופן און זיך ענדלעך אַרויסגערוקט פונם ווינקל, אין וועלכן ער איז די גאַנצע צייט געזעסן, ווי אין הינער פּלעט...

...די יונגע זענען געשטאַנען ערפּאָכטיק און דערשראָקן, ווי די הייליקע אַפּאָסטאָלן, וואָס וואָלטן געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג דעם שטן, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אין זיי גובר צו זיין דאָס פרויען אָפּבילד, וואָס זיי טראָגן אין האַרצן...

4

ס'האָט זיך אַליין נישט געוואָלט גלויבן, אַז אַ וויסטע אימה, אַן אומהיימלעכער עקל און אַ טיף־פֿאַרבאָרגענער, נאָגנדיקער פּחד עגבערט אין הארצן, גנב'ט זיך צו די קליינע, געדרייטע געסלעך אַרום דעם ווייטשעפּעלער קלויזטער, קריכט פֿאַרביסן דורך דעם מעכטיקן פֿאַרקער, וואָס שוואַרעמט און שווימט אין כוואַליעס, ווי אַ היישעריק איבער שטעלעס, „בערעס", געוועלבלעך אין די געדערים פֿון ווייטשע־פּעל, „קאָמערשל ראוד", די „ליין", ביז „מידלסעקס סטריט", „האונס דיטש", די „מינאָרים", און שלאָגט זיך אָן אין די גרויסע, האַרטאָוועגעשעפּטן און ריזיקע ברויי־הייזער, איבער וועלכע די ליכטיקע זון האָט העל געגלאַנצט און רחבות'דיק געשאָטן איר גילדערנע שיין דורך אַ זיסער און לויטערער בלאָער לופֿט, וואָס האָט פֿון די ווייטע שפּאַציר־גערטנער אַזש ביז אַהער פֿאַרטראָגן דעם ריח פֿון האָניק, פֿון ליפּעס און פֿון רויזן.

חיים אייזבערג איז אויסגעשטיגן מיט עלקען נעבן „גאַרדנערס קאָרנער" און נישט געוווסט ווו אַ הין זיך צו לאָזן.

פּיס־פּאָליציי און פּאָליציי אויף פֿערד האָבן זיך געזאַמלט אויף אַלע קניפּ־פּונקטן. איבערן קרייץ־וועג זענען גרופּן געריטן צו „אָלד־גייט", אַנדערע האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אונטער דער בריק צווישן די פֿאַרויכערטע מויערן אויפֿן וועג צו דער „טעמזע". קליינע אָפּטיילונגען האָבן זיך געדרייט צווישן „קאָמערשל ראוד" און „קאָמערשל סטריט". אין אַלע עקן פֿון ווייטשעפּל ביז צו „מייל־ענד" זענען די וואַך־לייט געשטאַנען גרייט.

פֿונדערווייטנס האָט חיים אייזבערג דערזען שלמה קריזש, וועל־

כער איז צוזאַמען מיט די אַנדערע חברים פון גאַנצפרי אַן געלאָפן פון דעם „אַרבעטער רינג“ צו דעם „אָפיס“ פונם „פּאָלקס־קאָמיטעט“ און פון דעם „פּאָלקס־קאָמיטעט“ צו דער „יוניע“ און ווידער צום „אָפיס“ פונם „פּאָלקס־קאָמיטעט“ און צוריק צום „אַרבעטער רינג“.... ער האָט אָנגענומען עלקען ביי דער האַנט, זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער גאַס און זיי נאָכגעגאַנגען.

אויפן וועג איז פּיטער פּיליפּס זיי איבערגעלאָפן. ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, קיינעם נישט באַגריסט, אין איין געיעג אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, היימיש און פאַרטרויליך אַרומגענומען אַרום די אַקסל די הילפס־סעקרעטאַרין, וועלכע איז אים אַנטקעגן געקומען מיט אַן „העלאו“ און אַ שמייכל און די האַנט געלאָזט אַליין, אויף אייגענער אחריות זיך אַראָפּגליטשן צו איר טאַליע....מיט אַ ווינק צו דער טיר האָט ער דעם אונטערטעניקן מיידל אָנגעזאָגט, אַז ער וויל איצט ביי זיין אַרבעט פון קיינעם נישט געשטערט ווערן, „דזשינדזשער“ זאָל אים דערווייל פאַרטרעטן און הייסן דער חברה צוואַרטן.

אויף דעם גרויסן טיש אין פעדער־הויז זענען געלעגן אָנגעוואָרפן ביכער, פּאַפּירן, בראָשורן, אויפרופן און פּראָקלאַמאַציעס. די ווענט זענען געווען באַקלעפּט מיט פּלאַקאַטן, פון וועלכע ס׳האָבן אַראָפּגע־שריגן אַנטי־פאַשיסטישע לאָזונגען. שטיקער פּלאַקאַטן וואָס האָבן זיך אָפּגעקלעפּט פון דער וואַנט זענען נאָכגעהאַנגען און פון אונטער זיי האָבן אַרויסגעקוקט אַלטע שלאָג־ווערטער. אין אַ ווינקל האָט אַ בילד פון אַן אָרימער מאַמען מיט אַ קינד אויף די הענט און קינדער אָנגע־האַנגען אין איר שוים געוואָרנט מיט רויטע אותיות: — „לאָזט נישט „מויזלין“ מאַרשירן דורך ווייטשעפּל....“ אין אַ זייט האָבן זיך גע־וואַלגערט גאַנצע שטויסן פון יידישע און ענגלישע „אויסגאַבן“, וואָס די קעץ האָבן נאָס געמאַכט. אויף אַ פּאַק פלוג־בלעטלעך האָט זיך געלייגט אַ דינער שטויב, ווי דער ערשטער מאָך אויפן גאָמבעלע פון אַ בחור׳ל, וואָס האָט נאָך נישט געפּילט די בריטווע אויף זיך.

פּיטער פּיליפּס איז אַריינגעגאַנגען אין זיין „אָפיס“ זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ וויכן שטול ביים שרייב־טיש אויף וועלכן ס׳איז גע־

שטאַנען אַ טעלעפאָן און אַ שרייב־מאַשין, ער האָט זיך צוגעקעמט די האָר, אויסגעגלעט די וואָנסעלעך און זיך גענומען אויסקלאַפּן אויף דער מאַשין זיין בייטראַג פאַר דער קומענדיקער „אויסגאַבע"....

אין מיטן דער אַרבעט האָט פּיטער פּיליפּס זיך דערמאָנט אַז אַזאַ מענטש ווי ער, מיט אַזאַ וויכטיקן, פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן, ווי זיי־נער איז, דאַרף היטן זיין אייגענע פּערזאָן, ס'זאָל עמיצער אויף אים נישט מאַכן קיין „אַטענטאַט", אָדער אים „קידנעפּן"....ער האָט פאַר־שלאָסן די טיר אונטער זיך און וואַזשנע גענומען ווייטער קלאַפּן אויף דער מאַשין.

אין צווייטן צימער אויפן גאַז־רינג האָט אַ טשייניק מיט אַ פּיסקל, ווי אַ פּייפל, דורך אַ שווישטש געלאָזט וויסן אַז ער גייט זידן.

„דזשינדזשער" האָט סימעטריש אויסגעלייגט אויפן טעלער די ביסקוויטן, וואָס פּיטער פּיליפּס האָט ליב און פאַר אים צוגעגרייט טיי.

די חברים וואָס זענען כמעט גלייך אין זיינע פּיס־טריט אַרויפ־געקומען האָט זי געהייסן דערווייל צו־גיין אין „אַרבעטער־רינג" און זיך אומקערן אַהער אַרום צוועלף אַזייגער.

חיים אייזנבערג האָט דערפילט ווי ס'נודעט אים אונטערן האַרץ און ווי מ'וואָלט אים צוזאַמען מיט דער צייט וואָס מ'צעדרויבלט דאָ אַזוי, אָפּגעריסן שטיקער פון זיין לעבן..—מ'דרייט זיך שוין ווידער..

—מ'גייט שוין ווידער מיט די הקפות..— האָט ער געקרעכצט.

— ס'איז זיי גוט צו שיקן נאָך דער הייב־אַם, — האָט עלקע פאַר־ביטערט געשמייכלט און ס'האָט זיך איר אין דער מינוט געגליסט איבערצוקערן און צו צעברעכן דעם טעלער ביסקוויטן מיט דער טיי דעם גלייכגילטיקן מיידל איבערן רויטן קאָפּ.

פון די טרעפּ איז אַראָפּגעקומען אַן אַלטער ייד מיט אַן אויסגע־צאָמט פנים, גרייט צו גיין מיט דעם פּאַק פאַרעכטע זאַכן קיין „בעטה־נאַל־גרין" אויפן זונטאַג־אינדערפריענדיקן גאַסן־יאַריד, — געדענקט מיסטער, מ'טאָר זיי נישט לאָזן מאַרשירן דורך ווייטשעפּל.. — האָט ער שלמה קריזש אָנגעזאָגט.

פונם אַנדערן הויז איז אַרויסגעקומען דער חזן אין די הוילע

אַרבל, די פּעטע גאַמבע נישט געגאָלט און דעם שפּיץ גלאַנציקן קאָפּ צוגעדעקט מיט אַ קליין יאַרמלקעלע.

— זיי ציטערן שוין אונזערע יידעלעך.... אַז מ׳האָט זיי געהייסן גיין קיין פּאַלעסטיין האָבן זיי נישט געוואָלט פאָלגן, אָבער אַז די פּאַשיסטעלעך קומען צו זיי אין זייערע געסעלעך, דאָס זעט איר, שמעקט זיי שוין נישט.

שלמה קריזש האָט אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ און זייטיק אַראָפּ־געלאָזט אַן אויפגעציטערטן בליק, ווי אַ האָן וואָס האָט אויפגעכאַפּט אַן אומהיימלעכן שאָרך.... ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די ליפּן..

— איר ווייסט דאָך וואָס ישראל זאַנגוויל האָט געזאָגט. מ׳דאַרף פּטור ווערן פונם יידישן נאַציאָנאַליזם פּונקט ווי פונם דייטשישן מיליטאַריזם.

דער חזן האָט זיך גענומען קילן דאָס האַרץ:

— יצחק קאַלעכשטיין איז גערעכט ווען ער שרייבט אין זיין „פּייפּער“, אַז די יידן דאַרפן נישט אַרויסגיין אין אַ קאַמף מיטן פאַשיזם. — ער האָט געוווסט אַז דערמיט האָט ער דערלאַנגט שלמה קריזש אַ שאַרפערן שטאָך, ווי מיט אַ מעסער.

אין גאַס האָבן זיך פאַרבייגעשלעפּט די זונטאָגדיקע הענדלער, וואָס זענען אָנגעקומען פון „קייבל סטריט“ און „סענט־דזשאָרדזשעס“, ווער מיט אַ פויגל אין אַ שטייגל, ווער מיט שרויפן, שרייפלעך, אַלטע געצייגן, רעדלעך, מאַשינדלעך, רענצלעך און קינדער־שפּילעכער אויף „בערעמס“.

אין אַ געוועלבל וווּ מ׳פאַרקויפט אויף איין זייט צוקערלעך מיט ציגאַרעטן און אין דער אַנדערער זייט שרייב־געצייג, פּאַפּירן און זשורנאַלן, האָט דער קרעמער באַהאַלטן אין אַ ווינקל אַריין די יידישע צייטונגען, וואָס הענגען געוויינטלעך אויף דער טיר.

אין „אַרבעטער־רינג“ איז שלמה קריזש גלייך צוגעגאַנגען צום בופעט.

— גיט מיר אַ האַלבן מאַרענירטן הערינג, צוויי זעמל מיט פּוטער

און אַ „קאַפּ־אָף־טי“. צווישן די פינגער האָט ער געהאַלטן אַ האַלבע־קרוין און ער האָט נישט אויפגעהערט מיט איר צו קלאַפּן אין אַ ליידיק טעפּעלע.

— איר זענט ערשט געקומען, מיסטער קריזש, איר מוזט צווואַרטן אַביסל. מיר זענען היינט זער „ביזי“. . — מיסעס גליקסמאַן האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן און אויף גיך געצאַפּט היים וואַסער פון דער מאַשין. זי האָט נישט געוווסט וואָס פריער צו טאָן מיט די הענט.

— „העלאָו“ שלמה, — האָט אים אַ נעמגעטאָן ביים אָרעם אַ הויכער ייד, אויסגעפּוצט אין זיין בעסטן אַנצוג, גלאַט אָפּגעראַזירט, דער קוטשעראַוווע קאָפּ אָנגעשמירט מיט ברילאַנטין און פּאַרקעמט מיט אַ שרינט אין דער זייט.

— איר זעט אויס ווי איר וואָלט געקומען אויף אַ חתונה, מיסטער טשאַרלי, — האָט שלמה קריזש אים געררייצט.

מיסטער טשאַרלי האָט זיך דערפילט אָפּהענטיק, ס׳האָבן אים אַ ציטער געטאָן די אויסגעשטרעקטע פינעף פינגער, איינער גרעבער ווי דער אַנדערער און די שטייפע דלאָניע איז אים ווי הענגען געבליבן אין דער לופטן. . . .

— אַבי איר האָט עמיגרירט פון ווייטשעפּל קיין „גאָלדערס־גרין“ איז „גוד ביי“ מיסטער טשאַרלי. . . . אין „גאָלדערס־גרין“ זענט איר געוואָרן אַ „מעמבער“ אין אַ שול און ביי אַ רבין אויך. . אייערע קינדער שעמען זיך שוין מיטן אַרבעטער קלאַס. . . . זיי האָט איר אַהער נישט מיטגעבראַכט... איר אַליין קומט דאָך אויך נאָר אַמאָל אַ יובל... היינט האָט איר אייך אויסגעפּוצט און איר זענט געקומען קוקן ווי „מויזלי“ מיט דער „שוואַרצער פעסט“ וועט מאַרשירן איבער ווייטשעפּל. . נישט דערלעבן וועט ער דאָס. . דער „אינערן מיניסטער“ מיטן גאַנצן „האום־אָפיס“ „זענען אַליין אויך גוטע פאַשיסטן... אונזער פּעטיציע האָבן זיי אפילו נישט אָנגעקוקט. . . . קאָנצענטראַציע לאַגערן וועלן זיי שאַפן און די „באָארד אָף דעפּיוטיס“ וועט זיי באַשיצן... — האָט שלמה קריזש אויף אים גענומען שרייען.

— נעמט אַ בלעטל „סטעמפּס“, מיסטער טשאַרלי, דאָס געלט

גייט אויף א וויכטיקן צוועק, צו קויפן א זעמל פאר אן ארעם קינד אין פוילן....מיסעס גאָלד האָט מיט אַ חנ׳דעלע אַריינגערוקט דעם יידן אַ גאַנץ בלעטל אייגנס געדרוקטע „סטעמפּס“.

מיסטער טשאַרלי האָט בכבודיק אַרויסגענומען אַ גראָבן בריוו־טאַש און איר געגעבן צען שילינג.

— אַ ניי בוך, וואָס איך האָב ערשט אַרויסגעגעבן, איך ווייס נישט ווי איר הייסט, נאָר איך זע, אַז איר זענט אַן אונזעריקער....האָט יעקב לייב מישזאָן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז געשטופּט זיין בוך דעם יידן אין די אויגן אַריין.

— נעמט די „פרייע אַרבעטער שטימע“ — האָט דער אַלטער טאַפּלער זיך צוגערוקט.

— דאָ האָט איר די „פאָלקס צייטונג“, מיסטער טשאַרלי, — האָט אַ בונדיסט אַ שאַר געטאָן מיט זיינע לויפנדיקע אויגן.

מיסטער טשאַרלי האָט ביי זיי געקויפט ליטעראַטור, נישט אויפ־געהערט צופרידן צו שמייכלען און ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער צווייטער גערוימער־העלפט פון דעם צימער, וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטן אין דעם ערשטן גרויסן צימער, ווי אַ צווילינג, באַצאָלן זיין „קאָנטרי ביושאָן“.

דאָס גרויסע איינשרייב־בוך איז געלעגן אויף איין טישל און אויפן צווייטן טישל, צוגעשטעלט אין דער לענג, איז געשטאַנען אַן אייזערן קעסטעלע אין וועלכן מ׳האָט באַהאַלטן דאָס געלט. אויף די שטולן אַרום זענען געזעסן ערנסט און טיף פאַרטאָן אין זייער אַרבעט, דער „טשערמאַן“, דער „וויים־טשערמאַן“, דער „טרעזשורער“, דער סעקרע־טאַר און אַ מיידל אַ „קלאַרק“.

— גייסטיקע שפּייז האָב איך שוין און געזונט בין איך, אַ שאָד אייך צו געבן „קאָנטריביושאָן“.. — האָט מיסטער טשאַרלי זיך גע־וויצלט און דאָס פּעקל ליטעראַטור זיי געוויזן פאַר די אויגן.

— איר „קאָמיטע פּיפּל“ האָט צייט צו לייענען.—

— „ווי דאָנ׳ט וואָנט טהעט סטאַף. ווי וואָנט יור מאַני, טשאַרלי, קאַם אָן....“ — האָט דער פאָרזיצער אויף ענגליש אים אַריינגע־

זאָגט, און די איבריקע מיטגלידער פונם קאָמיטעט האָבן געלאַכט.

די לופט איז געוואָרן אַלץ שווערער, פול מיט רויך פון ציגאַרעטן, מיט פּאַרע און מיט דעם שאַרפן, זויערלעך פייכטן גערוך פון מענטש־לעכע מיילער. אַ ייד מיט אַ טעפּל הייסער טיי אין דער האַנט האָט זיך אַרומגעדרייט און געזוכט אַ בענקל. עטלעכע קינדער וואָס די עלטערן האָבן מיטגעבראַכט אין דער זונטאָג־נאָכמיטאָגדיקער יידיש־וועלטלעכער שול ביים „אַרבעטער רינג" האָבן זיך געשטופּט צווישן די טישלעך און געזוכט דעם לערער.

חבר'טע שרה, אַ מיטגליד פונם הויז־קאָמיטעט האָט געהאַט דעם כבוד היינט צו זיין ערן־„סטיואַרד". אין „אַרבעטער־רינג" האָט זי אַ שליטה איבער יעדן איינעם, מיט איר ווייך, דין און שאַרף שטימעלע, וואָס שמייסט אַ בונדיסט, אַ קאָמוניסט, אַ ציוניסט, אַן אַנאַרכיסט, אַ פּאַלקיסט און אַזוי ווייטער.

זי האָט צוגעבראַכט טיי צום טיש, וווּ עלקע און חיים אייזבערג זענען געזעסן און אַ היפּשע ווײַלע געוואַרט.

— צו אייך חבר אייזבערג האָב איך אויך אַ טענה. . אַנטשולדיקט מיר וואָס איך זאָג דאָס אייך אין דער אַנוועזנהייט פון דער „מיסעס".

ביי עלקען האָבן אַ פלאַטער געטאָן די אויגן באַגלייך זי וואָלט מיט זיי געוואָלט עפּעס אָפּשלאָגן. . . .

— אַ נו, לאָמיר הערן, — האָט חיים אייזבערג זיך געמאַכט האַרץ.

— איך האָב געליינט אייער בוך, דער שטייגער פון אייער שרייבן איז גאַנץ אַנדערש ווי דער שטייגער פון אייער רעדן. . . .

— אין מיין שרייבן שטעקט זער אַ סך אַרבעט — האָט חיים אייזבערג אויף גיך איר געענטפערט און די אויגן האָבן זיך אים צע־פונקלט.

עלקע האָט אים אַ שטאַרקע געטאָן אין פוס.

— חבר'טע שרה איר האָט פאַרגעסן אונז צו ברענגען די טיי — האָט מען ביי אַ צווייט טיש זיך באַקלאָגט.

די חבר'טע שרה האָט מיט ביטול געקוקט אויף חיים אייזבערג, זי האָט געשטוינט, זי האָט אים אָפּגעפרעגט און זי האָט אים דערלאַנגט.

— וואָס זשע, איר האָט נישט קיין אינטואיציע..?

— אז דו רעדסט צו איר וועגן ארבעט, האַלט זי דיך פאַר א קאַ־ליקע—האָט עלקע מיט פאַרוואורף געזאָגט צו חיים אייזבערג, האָסט איר באַדאַרפט זאָגן, אז ווען דו האָסט געשריבן דיינע דערציילונגען, האָט אויף דיר גערוט די שכינה....זי פאַרשטייט יצחק קאַלעבשטיינס שפּראַך בעסער ווי דיינע.

קלאַראַ וואַנסמאַן איז אָנגעקומען מיט איר חבר קלאַראָוויטש, וואָס האָט גלייך פון דער דרוקעריי אַהער געבראַכט צעטראָגן א פּאַק בראָ־שורן, נאָר וואָס אָפּגעטרוקנטע פונם דרוק. זיי האָבן די בראָשורן צע־לייגט אויף א טישל אַרום וועלכן ס׳זענען געזעסן די חברים.

די מיטגלידער פונם „ארבעטער רינג״ האָבן אָנגעהויבן צו צעכאַפּן די ליטעראַטור און אין איר צו זוכן עפּעס א ווינק, וואָס זאָל זיי אָנ־ווייזן וואוהין זיך צו ווענדן און אין וואָס זיך גייסטיק אָנצושפּאַרן..

פּיטער פיליפּס, וועלכער האָט זיך אַהער אייגנס אריינגעכאַפּט צו זען די „אויסגאַבע״ האָט זיך מיט איין זייט פון זיין אונטן אָנגע־לענט אין דעם שפּיץ טיש נעבן חיים אייזבערג.

— וואָס איז איצט די טאַקטיק פון דער פּאַרטיי? וואָס איז היינט די ליניע?.. — האָט חיים אייזבערג זיך צו אים געווענדט.

— די פּאַרטיי טאָר זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן. מיר קענען זיך נישט אריינלאָזן אין אַוואַנטורעס....אויפן מאָמענט, ווען מ׳מוז, דאַרף יעדער איינער האַנדלען לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו, אָבער מ׳טאָר נישט פאַרגעסן די פּאַרטיי דיסציפּלין..די פּאַרטיי אינטערעסן מוזן שטיין העכער ווי די אייגענע אינטערעסן און סענטימענטן..מיר האָבן שוין איינגערייכט פאַר א דערלויבעניש דורכצופירן א קאָנטראַ־דעמאָנסטראַציע. אויב „מויזלי״ וועט היינט מאַרשירן איבער ווייטשעפּל, וועלן מיר מאַרשירן איבעראַכטאָג זונטאָג דורך דער „איסט־ענד״ קיין „וויקטאָריאַ־פּאַרק״. דער האַאום־אָפיס״ קען אונז נישט אָפּ־זאָגן, אז זיי האָבן דערלויבט „מויזלין״ צו מאַרשירן, נישט געקוקט אויף אַלע פּראָטעסטן, מוזן זיי אונז אודאי דערלויבן צו מאַרשירן.

פּיטער פיליפּס האָט זיין ענגליש צוגעפּוצט מיט דעם ספּעציפיש

לאַנדאַנער „קאָקני"־אַקצענט און האָט די ווערטער געלאָזט קאַפּען, ווי טראָפּנס פון אַ טייערן רעצעפּט....

— ביז ווען וועט איר נאָך אַלץ פאַרבלייבן אַ „פעלאָו־טרעוולער",
ביז ווען וועט די ליטעראַטור ביי אייך זיין טייערער ווי די פּאַרטיי..?
— האָט ער גענומען חיים אייזבערג מוסר זאָגן.

— ווי פאַרהאַסט ס'איז נישט אָפּט דעם שרייבער צו זיין אַ „פעלאָו־טרעוולער" און ווי שטאַרק ער זאָל זיך נישט רייסן צו ווערן אַקטיוו, קען ער זיך נישט העלפן צו אָפּט איינצוזען, אַז אויף דעם געביט פון פּאָליטיק, פּאַרטיי־דיסציפּלין און קלאַסן־קאַמף, פּלאָנטערט ער זיך מערסטנטייל אונטער די פיס פון די ערלעכע און אויפריכטיקע קעמפער פון איין זייט און פון פּאַרטיי קאַריערעסטן אויף דער צווייטער זייט.

דער אמתר שרייבער, אויב ס'איז דאָ אַזאַ זאַך, קען אויף קיין מינוט פון אויג נישט אַרויסלאָזן די שלום־מאָראַל און שלום־פילאָסאָפיע, וואָס מיר האַלטן אַלע פאַר אונזער אַלעמענס ווייטער, אָבער פריידיקער צוקונפט, פאַר אונזער אַלעמענס ליכטיקן ענד־ציל....ער קען אויף איין מינוט פון אויג נישט אַרויסלאָזן יענע שלום־מאָראַל און שלום־פילאָסאָפיע, אין וועלכער די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון מענטשן: ווי גוטסקייט, פריינטלעכקייט, מענטשן־ליבע, זענען אַ לעבנס־נויטווענדיקייט, אין דער צייט ווען אין דער קאַמפּס־מאָראַל און קאַמפּס־פילאָסאָפיע זענען זיי אָפּט אומנויטיקע באַלאַסטן....און אין דעם ליכט פון אָט דער שלום מאָראַל און שלום־פילאָסאָפיע זעט ער, לעבט און קריטיקירט דעם אַרום. אָבער אָט דאָס דאָזיקע גרויסע ליכט, וואָס איז אַזוי שטאַרק און אַזוי ווייט, פאַרבלענדט אים אָפּט די אויגן פאַר די געשעעענישן, וואָס טרעפן מיט דעם בלוט פון דעם לעבן פון טאָג איין און פון טאָג אויס.. — חיים אייזבערג האָט געזוכט די ענגלישע ווערטער, וואָס זאָלן אויסדרוקן דאָס וואָס ער האָט געוווסט און געפילט, נאָר וואָס איז נאָך אַלס אַ פאַרטיקער און גענוג אַרומנעמענדיקער געדאַנק, אים אַליין נישט גענוג קלאָר געווען. ער האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט און פאַרהיקעט. אויף דער צונג זענען אים

אַלץ געקראָכן די פּלאַכע, אָפּגעקראָכענע ווערטער, וועלכע האָבן אים געשלאָגן צום האַרצן ביז צום מקיא׳נען.

— „ספּיק יידיש" — האָט פּיטער פּיליפּס אים געפּרוּווט אַרויס־העלפן — „איי אַנדערסטענד"....„איי נאו" לחיים.... מיין באָבעס דאגות.. קיצור הדבור.. חדר.. בר־מצוה.. — „מיי גרענד־פּערענטס אָל־וועיס טאָלקט יידיש טאָ מי".

און ערלעכער, אויפריכטיקער שרייבער, ווי יעדער מענטש מיט געפיל קען נישט זיין אומפּאַרטייאיש, ס׳איז אים אָבער פּונקט אַזוי שווער צו זיין אַן אויסגעהאַלטענער פּאַרטיי־מיטגליד.... ס׳איז אים שווער צו אָטעמען, ס׳שטיקט אים און ס׳פּרירט אים און ס׳דריקט אים צווישן די ווענט פון אַ פּאַרטיי־קעמערל, — האָט חיים אייזבערג אויף יידיש זיך גענומען צו אים שרייען אין דער הויך, ווי מ׳רעדט צו אַ טויבן, און פּיטער פּיליפּס האָט זיך אַלץ טיפער אַריינגעלאָזט אין דעם ליינען פון דעם אַרטיקל „פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם" פון „פּיטער פּיליפּס".

די חברים האָבן זיך צעגויפגעזאַמלט אין אַ זייטיק צימערל אַריין, און קלאַראַ וואַנסמאַן האָט זיך גענומען איילן צו דעם „פּראַקציע־מיטינג", וואָס פּיטער פּיליפּס האָט דאָ אופן אָרט מיט זיי אימפּראָוויזירט. זי האָט אַ ווינק געטאָן צו חיים אייזבערג ער זאָל איבערנעמען דעם פּאַרקויף פון די בראָשורן ביז זי וועט אַרויסקומען.

חיים אייזבערג איז צוגעגאַנגען צום אַנדערן טישל און עלקע האָט אים געהאָלפן פּאַרשפּרייטן די ליטעראַטור, נאָר דער עולם האָט זיך שוין גענומען צעגיין און דאָס צימער האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוליידיקן.

מיסעם גליקסמאַן האָט געפּרוּווט פּאַרפירן אַ שמועס מיט עלקען און מיט חיים אייזבערג מיט אַזאַ מין עלנטקייט אין טאָן, באַגלייך זי וואָלט צוזאַמען מיט זיי פּלוצים ערגעץ פּאַרוואָרפן געוואָרן אויף אַ פרעמדער באַן־סטאַציע.... זיי זענען אַלע דריי געזעסן ווי אויף שפּיל־קעס און איינער אויף דעם אַנדערן רחמנות געהאַט.

— איר קענט דאָ איבערלאָזן די בראָשורן אין אַ ווינקל אונטער

דעם „קאָונטער“ — האָט מיסעם גליקסמאַן צום סוף דעם פּאַר־פּאָלק אַן עצה געגעבן.

חיים אייזבערג האָט נישט געוווסט ווי אַזוי איר צו דאַנקען, ער האָט פאַרוויקלט דאָס פּעקל „אויסגאַבן“ און עס שנעל אַרונטערגעלייגט אונטער דעם בופעט, ווו זי האָט אים אָנגעוויזן און צוזאַמען מיט עלקען אַוועק גלייך קיין „אָלד־גייט“....

מענטשן האָבן זיך געזאַמלט אַרום דעם הויפּט־פּונקט ווו די פּאַ־שיסטן האָבן געמוזט דורכגיין, אויב זיי זאָלן מאַרשירן.

צענדלינגער און צענדלינגער מענטשן זענען געוואַקסן אין הונדער־טער און הונדערטער און פאַמעלעך זיך צענויפגעגאָסן אין אַן אַלץ ברייטערער און פעסטערער מויער פון טויזנטער און טויזנטער, אַ מויער, וואָס האָט אַרומגענומען ווייטשעפּל ווי אַ פעסטונג, אַ מויער פון בלוט און פלייש, פון שוויצנדיקע קערפּערס און געביילטע פויסטן, אויף וועלכע ס׳האָט געשלאָגן אַ היץ פון אַ הייסן זומערדיקן בייטאָג.

ס׳איז שווין שווער געווען זיך דורכצושלאָגן צו די פּעדערשטע פּאָזיציעס און חיים אייזבערג מיט עלקען זענען געבליבן שטיין אין די אונטערשטע, זייטיקע רייען.

די מאַסע, ווי אויסגעקאָוועט פון אייזן האָט זיך נישט באַוועגן, זי איז געשטאַנען מיט אַן אייזערנעם געדולד און מיט אַן אייזערנעם ווילן און געוואַרט.... בלויז די ווייזער אויפן גרויסן זייגער פון „גאַרד־נערס קאָרנער“ האָבן זיך פּאַמעלעך גערוקט און פון צייט צו צייט פאַר־חידושט דאָס אויג, וואָס האָט שוין אויפגעגעבן יעדע האָפנונג אויף דעם גאַנג פון „צייט“, מיט דעם מהלך פון פינעף מינוט, וואָס זיי האָבן ענדלעך איפּגעלייגט.. פינעף מינוט און צען מינוט און אַ פערטל־שעה און אַ האַלבע שעה און אַ גאַנצע שעה, זייגער צווי, האַלב־דריי, דריי....„די פאַשיסטן זענען ביי דער „טעמזע“.....„זיי האָבן פאַר־בויגן אין אַ זייטיק געסל“.... צען מינוט נאָך דריי....אַ פערטל נאָך דריי....„זיי וועלן נישט וואַגן צו גיין דורך ווייטשעפּל....“

פון דעם פינסטערן, שמוציקן, שטענדיק נאַסן ליקל, מיט דעם

משונה׳דיקן נאָמען „האַלבע־לבנה־פּאַסאַזש“ איז אַרויסגעקומען אַ הויכער, געזונטער, בלאָנדער יונג אין אַ שוואַרץ העמדל און עזות׳דיק געשפּאַנט פאָרויס, געפּרווט אויסצופאָרשן צי קען מען נישט ערגעץ דורכברעכן אַ וועג פאַר זיין פאָר־פּאָסטן.

עלקע איז ווילד געוואָרן, זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם קאָלנער פון דעם שוואַרצן העמדל און עס געגומען רייסן.... דער פאַשיסט האָט זי געפּרווט אָפּשליידערן פון זיך, נאָר אַ קנויל פון מענטשן האָבן זיך אויף אים אַ לאָז געטאָן און ער איז שנעל צריק אַוועק אין „האַלבן־לבנה“־לאָך אַריין.

— האַלב־פיר, פיר אַ זייגער, האַלב־פינעף, פינעף....די היץ האָט גענומען פאַלן....דער זייגער האָט זיך גענומען שנעלער באַוועגן....די מענטשן האָבן פּאַוואָליע גענומען אָפּאָטעמען, אָבער זיי האָבן נאָך אַלץ מורא געהאַט צו טראַכטן און האָבן זיך נישט פאַרגינען צו פילן, אַז זיי האָבן געזיגט.

*   *   *

איבעראַכטאָג זונטאָג האָט חיים אייזבערג מיטמאַרשירט אין דער קאָנטראַ־דעמאָנסטראַציע, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט צו פייערן דעם זיג איבער די פאַשיסטן. פיס פּאָליציי און פּאָליציי אויף פערד האָבן באַגלייט די מחנה דעמאָנסטראַנטן, וואָס זענען געגאַנגען צו פיר אין אַ ריי. די פאָנען־טרעגער האָבן געשוויצט און שטאָלץ געקוקט פאָרויס....הענט האָבן פריינטלעך צו זיי געווינקען פון די פענצטער אין ווייטשעפּל. שמייכלען האָבן געלויכטן, פּנימער האָבן פריילעך געשטראַלט פון די אויבערשטע שטאָקן אין „סטעפּני“. אויגן האָבן נייגעריק מיט אַ געפיל געמישט פון אַן אינערלעכן ציטער און פון באַוואונדערן פון הינטער די ווינקלען זיי נאָכגעפאָלגט. נאָר, וואָס העכער אַרויף צו „באו“ סטריט אַלץ פינסטערער זענען געוואָרן די פּנימער, וואָס האָבן אויפן מאַרש געקוקט, אַלץ פיינטלעכער האָבן זיך די הענט פון די זייטיקע מענטשן געקרעמפּט און די פינגער פון די צושויער האָבן זיך געבויגן, ווי די ציינער פון גראַבליעס, גרייט צו צעגראַבלען, צו צעדראַפּען און צו צעקרעלן.

י. א. ליסקי

אין „וויקטאָריאַ“ פּאַרק האָט דער עולם זיך געזאַמלט אַרום די רעדנער, וואָס האָבן פון די „פּלאַטפּאָרמעס“ געוואָרנט קעגן דער געפאַר פון פאַשיזם, וואָס באַדראָט די פרייהייט, די מענטשן־רעכט און דעם פּראָגרעס, וואָס דורות פון אַרבעטער־העלדן האָבן אויסגעקעמפט; זיי האָבן געוואָרנט קעגן דעם פאַשיזם וואָס שטייט אונז אין וועג און שטערט דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג און וויל אונז צוריקשליידערן אין דער פינסטערניש פונם מיטל־אַלטער.

אין פאַרבאָרגענע ווינקלען, צווישן די בוימער, האָבן אונטער די פּלייצעס זיך געזאַמלט גרופּעס פון פאַשיסטן אין אוניפאָרמען און אָן אוניפאָרמען און געזוכט קרבנות, זיי האָבן דאָ און דאָרט אַריינגעכאַפּט אין אַ ווינקל עמיצן מיט אַ יידיש פּנים, מיט שוואַרצע אויגן און אים געשלאָגן.

די צוהערער האָבן זיך געהאַלטן נאָענט פון דער פּאָליציי און ביי איר געזוכט שוץ.

די רעדנער האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט איבערשלאָגן אין דער מיט און איינער נאָך דעם אַנדערן אומגעשטערט אָפּגעהאַלטן זייערע רעדעס, פאַרבראָקט מיט אַ פּאָר וויצן צום טעם און פאַרענדיקט מיט פּאַטאָס.

אויפן וועג צוריק האָט די פּאָליציי מיט אַלע כחות צוריקגעהאַלטן דעם צעיוזשעטן המון פון שמוציקע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע ווייבער, וואָס האָבן געפינעט מיט כעס. מיידן און יונגען, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי מ׳וואָלט זיי נאָר וואָס אַרויסגעשלעפּט פונם רינשטאָק, זענען אָנגעלאָפן פון די אָרעמע הייזער, זיי האָבן געשאָלטן און געשפּיגן און זיך געריסן צו שלאָגן.... יעדעסמאָל ווען גרופּן מאַרשירנדיקע זענען אָפּגעשטאַנען און אין פאַרלוירנקייט געפּרווט צו האַלטן שפּאַן מיט דעם צו שנעלן גאַנג פון דער דעמאָנסטראַציע, האָט דער המון אויסגעשאָסן אַ בייזוויליק, ווילד געלעכטער און געפּרווט דורכברעכן די וואַך פון דער פּאָליציי און זיך וואַרפן אויף די אונטערשטע רעשט־לעך. אויסגעניערעט און פאַרנענדזעט קליינוואַרג איז נאָכגעלאָפן מיט שטיינדלעך און געריטשעט..בו..ו..ו..ו..

מלאכה בזויה

חיים אייזבערג איז מקנא געווען זיינע שכנים אין דער רייע, וואָס האָבן תיכּף געפונען אַ פאַרענטפערונג פאַר אָט דעם מיאוסן שפּיל, פאַר דער דאָזיקער וויסטער פאַרשטעלונג, אַ פאַרענטפערונג, וואָס זאָל זיי זיין ניחא, און וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זייער לאָגיק; אַ תּירוץ וואָס זאָל זיך זיי לייגן אופן שכל, אָן אויסטייטשונג, וואָס זאָל נישט לאָזן צע־רודערן און צעשטערן דעם אינערלעכן, גייסטיקן גלייכגעוויכט זייערן, זייער פּאָזיציוון וועלט־באַנעם און געזונטע, פּאָזיטיווע לעבנס־אָנ־שויאונג.

וויפיל מאָל חיים אייזבערג זאָל זיך נישט האָבן געהאַט אַנטוישט אין דעם גלויבן אינם „פאָלק" און ווי גוט ער האָט נישט געקענט די טעאָריע וועגן די אומשטענדן און וועגן דער אָרדענונג, די טעאָריע וועגן דער ווירקונג וואָס די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פאַקטאָרן האָבן אויף דער מענטאַליטעט, אויף דער פּסיכאָלאָגיע, אויף דעם כאַראַקטער און דערציאונג פון דעם פאָלק, האָט ער דעם באַגריף „פאָלק" שטענדיק נאָך אַלץ אידעאַליזירט, שטענדיק איז נאָך געבאָוועט אונטער דער ברוסט, נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז אונטער דעם אויבערשטן, גראָבן בגד פונם פאָלק לעבט אַ האַרץ און אַ נשמה, וואָס איז פעאיק צו פילן, צו פאַרשטיין, זיך אויסצולייטערן און צו דערהויבן צו הויכער מאָראַל, צו אמת'ער, ליבער גוטסקייט און וואַרעמער פריינטלעכקייט. צו זען דאָס „פאָלק" זיך אַזוי טיף ראָיען אין רשעות, האָט אים גייסטיק געוואָרפן פון די פּים, צעשטערט דעם אינערלעכן אָנהאַלט צוליב וועלכן ס'איז ווערט צו לעבן, צו ליידן, צו קעמפן און צו שאַפן....צו שאַפן פונם פאָלק, וועגן פאָלק, פאַרן פאָלק....

די פּאָליציי, די שומרים פון פּריוואַט־אייגנטום, פון מאַכט און קאַפּיטאַל און אונטערדריקונג, דאַרף באַשיצן אים און די אַלע מענטשן וואָס ער האַלט פאַר אידעאַליסטן און העלדן, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע תּרעומת'ן צו זיי.

י. א. ליסקי

„די „פּאָליציי" דאַרף אים און די אַנדערע חברים באַשיצן פונם פאָלק, וואָס זיי ווילן אויסלייזן, ווען זיי ווילן ברענגען ליבע און פרייד, פון דעם פאָלק, ווען זיי ווילן ברענגען אמת'ע, עכטע שענקייט און דויערהאַפטיק גליק...."

5

אַוועקגעלייגט אויף אַ פֿלאַכן טעלער, אין אַ גרינעם בעכער פֿון געקרייזלטע קרייטעכצער איז אַ ריין אָפּגעפּליקטע הון געשטאַנען גרייט אין טעפּל אַריין; דער איבערגעשניטענער האַלדז פֿון דעם קליינעם, טויטן גופֿל, צוגעדעקט מיט אַ קרענצל געווירצן....

אַ פֿולע שיסל מיט געהירן, אַ פֿאַרבלוטיקט האַרץ, גאַנצע לעבערס, געשאָסענע האָזן, שטיקער בהמות און עופֿות האָבן געגרעלט דורך די גלעזערנע ווענט, באַגאָסענע מיט כוואַליעס פֿון עלעקטרישן ליכט. .

ביי דער זייט האָט געפֿעכלט אַ געשטעל מיט גרויסע, קלאָרע אייער. אין צוויי בלומען טעפּ האָבן טונקל רויטע, ליכטיק פֿיאָלעטאָווע און געלע כריזאַנטעמעס, פֿול מיט זוניקער פֿרייד און מיט פֿאַרשאַרטן ווינט אין זייערע צעשויבערטע קעפּלעך, שטום און דערשראָקן געגלאָצט... דער צעוואָויוועטער שמייכל אין זייערע דינע בלעטלעך, שטאַר און פֿאַרגליווערט, ווי אין אַנגסטן...

פֿענצטער צו פֿענצטער, האָבן פֿון דער צווייטער קראָם אַרויסגעקוקט יאַפֿאַ מאַראַנצן, די ערשטע טראַנספּאָרטן פֿון מאַנדאַרינען אין זילבער־פּאַפּיר; שמעקעדיקע עפּל, און אָנגעגאָסענע באַרן, גרויסע אַנאַנאַסן, פֿולע צווייגן מיט באַנאַנעס, רייפֿע, רויטע פּאָמידאָרן, אויפֿגעשניטענע, זיסע, גרין געלבלעכע מאַלאָנעס, לאַנגע, גרינע אוגערקעס, שאַלאָטן, נייע וועלשענע ניס און לענגלעכע וואַלד־ניסלעך אין זייערע בלעטלעך. פֿולע, ברוינע טרויבן, ווי גרויסע, לאַכעדיקע אויגן, באַהויכטע מיט אַ פֿרישער, בלאָלעכער באַרווע, פֿערלדיקע פֿיאַלקעס, אַסטרעס, כריזאַנטעמעס און רויטע, ראָזע און ווייסע רויזן, אָקערשט פֿון די אָראַנזשערייען און פֿלאַנצ־הייזער...

י. א. ליסקי

פון דעם גרויסן געשעפט פון צוקער־געבעקס, האָבן וואָרעם גע־שמעקט גאַנצע טאַצן מיט „דעוואָנשייער ספּליטס", מיט ראָזע בעקעלעך און אָפּענע, קיילעכדיקע מיילער, אָנגעפּילט מיט רויטער מאַרמעלאַדע און געדעכטן, ווייסן קריעם, קריעם פּופן, שאָקאָלאַדע טאָרטן, ענגלישע „קייקס" און ביסקוויטן...

אַ געוועלב פון צוקערלעך האָט אויסגעשטעלט טאָוולען שאָקאָלאַד פון פאַרשידענע פירמעס. צווישן בוקעטן בלומען זענען געשטאַנען באַ־מאָלטע פּודלעס מיט ליקער־צוקערלעך און נאַשערייען, אַרומגעבונדן מיט ראָזע, בלאָע און גרינע באַנטן... הויכע גלעזערנע סלאָיעס מיט קאַרמעלקעס, מאַרציפּאַנען און געפּולטע באָנבאָנס.

דאָס מילך געשעפט האָט דורך דעם פענצטער געוויזן פעסלעך פרישע, האָלענדישע און ענגלישע פּוטער, קריעם קעז, רעדער שווייצער, האָלענדישער, גאָרגאָנצאָלער קעז, גלאַט קריעם, אייער און מילך, גלע־זערנע סלאָיעס מיט איינגעמאַכטס, מאַרמעלאַדע און קאָנסערווירטע פרוכטן.

פון דעם בלומען געשעפט האָבן אַרויסגעשמעקט אָרכידייען, רויזן און ציקלאַמען, אַנעמאָנען, ווייסע, ראָזע און רויטלעכע אַלפּן רויזן, ווי פאַר'כישוף'טע שרעטאַלעך אין וואַזאָנעס, די בלעטעלעך צעשפּרייט, ווי פליגלען, בוקעטן מיט בלומען, בלומען אין לענגלעכע קעסטעלעך, באַצירטע מיט זילבער און גאָלד־לייש און מיט ברייטע, זיידענע שלייפן.

אַ געשעפט מיט קינדערישע קאַרעטקעלעך, אויסגעבעטע מיט זיידענע קישעלעך און אויסגעשטיקטע, זיידענע קאָלדרעלעך, ווייסע פּלושענע מענטעלעך, רויטע, וואָלענע מאָרגן־כאַלאַטלעך, אָנצוגלעך פון אַנגאָרא וואָל, ווי אין דעם חלום פון אַ יונגער מוטער אויף דער צייט...

אויף אַ פּאַלאַץ אין יאָנישן סטיל, זענען געלאָפן פייערדיקע אותיות, און פּיאָלעטע, געלע, גרינע ניאָן ליכטער, האָבן רעקלאַמירט דעם נייסטן פילם מיט די גרעסטע שוישפּילער, מיט די שענסטע און באַליבטסטע שוישפּילערינס.

מיטן אָנקום פון פאַרנאַכט איז דער רעש און די באַוועגונג פון די אויטאָמאָבילן, אויטאָבוסן, טראַמווייען און פיס־גייער געוואָרן געדעכ־טער און שנעלער.

מלאכה בזויה

חיים אייזנבערג האָט זיך געלאָזט פון דער אונטערגרונט־סטאַציע דורך דעם פאַרקער צו אַ זייטיקער גאַס פון וועלכער מ׳האָט אַרויסגעזען דעם העמפּסטעדטער וואַלד און זיך פאַרבויגן אין אַ צווייטער גאַס. אַ קאַלט, עסעדיק ווינטל האָט געבלאָזן די האָר אין די אייגן אַריין, גע־דרייט אין דער נאָז און זיך געלייגט אויפן האַרץ מיט אומעט און פאַר־דריסלעכקייט. איינגעהילט אין האַרבסטיקן גאָלד, אין געשמאַקן ברוין און ווייַן קאָליר, זענען געשטאַנען סאָלידע און מאַסיווע הייזער מיט פּריילעכע גאַניקלעך און וועראַנדעס, אַרומגערינגעלט מיט סעדער און גערטנער, מיט בייטן בלומען און בלימלעך אין קוואַדראַטן, דריי־עקן, אין ווינקלען, רינגען, שטערן און רעדער, ווי אויסגעהאַפּטן אויף פאַר־צייטיקע טעפּיכער.

חיים אייזנבערג האָט צווישן די פּעדערשטע גערטנער פון די הייזער געזוכט די פיגור פון א„דיסק־וואַרפער״, וואָס איז געשטאַנען צווישן די געשווירענע ביימלעך אין פראָנט פון יצחק קאַלעכשטיינס הויז.

„ראָלס־ראָיס׳ס״, „אויסטינס״, און „מאָריס׳ס״ אויטאָמאָבילן האָבן געוואַרט אין אַ ריי.

חיים אייזנבערג האָט זיך לאַנג געווישט די שיך אין „מעט״ ביז ער האָט אָנגעקלונגען און אומזיכער אַרויפגעטראָטן אויף דעם טיפּן, אינדישן טעפּיך אין פאָדער־הויז. אַ מיידל אין אַ ווייס, אָנגעקראָכמאַ־ליעטן טשיפּיקל, וואָס איז אויף איר קאָפּ געלעגן, ווי די קרוין פון אַ מלאך׳ל אין אַ קינדעריש מעשה ביכל, האָט אים געהאָלפן אויסטאָן דעם מאַנטל און מיט אַ גראַציעזן בויג אים אָנגעוויזן אויף דעם אויפנעם־צימער, ווו די באַלעבאָסטע האָט אויפגענומען די געסט.

פון דעם מילדן, ווייכן ליכט, וואָס איז געלאָפן דורך מאַטע גלאָז־רייערן אַרום די ווענט, האָט זיך אויפן האַרצן געלייגט אַ שטילע און זיסע שטימונג און טרוימעריש אָנגעסטראָיעט דאָס געמיט.

אין דער טיר פון דעם אויפנעם־צימער איז אין אַ לאַנגן, שוואַרצן אָוונט־קלייד פון שווערן זייד, אין הויכע גאָלדענע שיך, געשטאַנען מיסעס קאַלעכשטיין אין אַ קורצן גאָלד־בראָקאַטן זשאַקעטל לויטן כינע־זישן סטיל, מיט אַ צווייגל געשפּרענקלטע אָרכידייען אויף דער ברוסט.

די אויבערשטע ליפּ אַנגעשטעלט גראָד, פּאָרויס און האָריזאָנטאַל, ווי דאָס צינגל אין אַ כאַפּ־שטייגל, וואָס איז גרייט ביים מינדסטן ריר זיך אַראָפּצולאָזן...

זי האָט זיך אין איילעניש פריינטלעך געוויטעט מיט די גערס, שטאַרק זיך דערפרייט מיט דאָקטאָר סאַלאָמאָן וועסטקליף, אים אַריינגעקוקט אין חשובן פנים אַריין און פאַרזשמורעט די אויגן, ווי זי וואָלט געקוקט אויף דער ליכטיקער זון.

— איך בין זער צופרידן אייך צו זען דאָקטאָר וועסטקליף...

פּילי קאַלעכשטיין דער עלטסטער זון, דער נישט געלונגענער, פון וועמען די עלטערן האָבן נישט געקענט מאַכן נישט קיין דאָקטאָר, נישט קיין „לאָיער“ נישט קיין קינסטלער, ווי פון די אַנדערע קינדער זייערע, און וועלכער איז דערפאַר געווען ביים טאַטן אין די „ביזנעס“, האָט זיך ווי אונטער די הענט געיאָוועט, מיט אַן עקשנות׳דיקן בליק פאָרויס, קאָפּ־און־קאַרק אינאיינעם, ווי אַ ביק, וואָס איז גרייט עפּעס אַ נעם צו טאָן אויף די הערנער:

— מיין פאָטער האָט נאָר וואָס אָנגעקלונגען צו אייך אַהיים דאָקטאָר וועסטקליף... „אפטער יו“... — האָט אים פּילי געמאַכט גיין פאָרויס.

דאָקטאָר וועסטקליף האָט גענויגט דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס און אין גאַנג צוגעוואָרפן אַ שמייכל אויף אַלע זייטן.

מיסעס קאַלעכשטיין האָט צעטראָגן איבערגעדרייט דעם פּלאַטינענעם רינג, מיט דעם ריינעם פייער קאַראַטיקן בריליאַנט צו דער דלאָניע צו און צוגעמאַכט די האַנט. מיט אַן אָנגעשטעלטער חברישקייט און מיט אַ געמאַכטער, כלומרשט פרייער באַוועגונג פון אַ באַהעמע מענטש, אין וועלכער ס׳איז געווען באַהאַלטן אינערלעכע אומבאַקוועמלעכקייט, האָט זי מיט אַ מידן און נודנעם שמייכל פויל געצויגן ביי חיים אייזנבערג, ווי אַזוי ס׳גייט אים איצט און וואָס זיין פרוי טוט...

די גרויסע קרישטאָלענע ליוסטרע האָט מאַיעסטעטיש געשטראַלט אויף די גלוסטנדיק־הייסע קאָלירן פון דעם רייכן פּערסישן טעפּיך,

וועלכער האָט פאַרדעקט דעם גאַנצן פּאַרקעט פונם גרויסן זאַל. אין דעם גאַז־אויוועלע, וואָס איז געווען קונציק איינגעפּאַסט אין דער וואַנט, האָבן די בלאַלעך־רויטע פלעמלעך זיך שטיל געוויגט און פאַרשפּרייט אַ לייכט באַרוישנדיקע וואַרעמקייט און געמיטלעכקייט. אויף ווייכע און רונדע, נידריקע סאָפעקלעך פון געבלימטן זייד, האָבן זיך באַזונדערע גרופּקעלעך איינגעטעכמירעט, זייערע באַוועגונגען זענען וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ שווערער און פוילער און דער שמועס אַלץ מאַטער און צעצויגענער. פון די ווינקלען האָט בלויז דאָ און דאָרט יעדעס מאָל אַ ברי געטאָן אַ קנאה בליקל און ס'האָט אַלעמאָל פון ערגעץ אַ שרפ'ע געטאָן דער חשד און נייגעריקייט פון אַ קוק...

די ביכער וואָס האָבן פון אויבן ביז אַראָפּ גלייך ווי אַ ווירע אויס־געפילט די געטאָקטע פּאָליצעס אין די ווענט, האָבן אויסגעזען, ווי אַן אָריגינאַל קאַפּריציעזער טאַפּעטן־געמעל. יצחק קאַלעכשטיין האָט די דאָזיקע טויזנט־בענדיקע ביבליאָטעק, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען אַ סך באַרימטע, ערשטע אויסגאַבעס, אָפּגעקויפט צוזאַמען מיטן גאַנצן הויז פון אַן אָפּגעקומענעם זאַמלער. (זיינע שטויסן מיט לעקסיקאָנען, אויף וועלכע ער האָט זיך געפּאַשעט, האָט ער געהאַלטן באַזונדער אין אַ געשניצטער כינעזישער שאַפע, וואָס איז ביי אים גע־שטאַנען אין כינעזישן צימער) די ביכער־ווענט און די כינעזישע וואַזן וועלכע זענען געשטאַנען אין די ווינקלען פון דעם זאַל האָבן געלאָשן די הייסע, פאַרשיכורנדיקע קאָלירן און ס'האָט פון זיי געשלאָגן מיט אַן אומרואיקער קילקייט. יצחק קאַלעכשטיין איז געפעלן די קאָמבינאַ־ציע פון אַ פאַראַדנעם אויפנעם־צימער מיט אַן ערנסטער ביבליאָטעק אַטמאָספערע, וואָס זאָל אויף די געסט מאַכן דעם איינדרוק פון אַ בית־המקדש אום יום־טוב.

אויף אַ לאַנגן טיש, פאַרשפּרייט מיט אַ קלאָרן, פיינעם ווייס זיידענעם דאַמאַסק טישטוך און פאַרפּוצט מיט בוקעטן בלומען, זענען געשטאַנען לאַנגע טאַצן מיט סענדוויטשעס פון טייערן, גערויכערטן סעמאָן, פון דין געשניטענער צונג, פון סאַרדינען, סאַרדעלן, אייער און קעז, מיט סלאָיעקלעך מאַרענירטע אוגערקעלעך, גרינע אָליוון און מיט

פראַנצויזישער מושטאַרדע; גרויסע שיסלען „האָרס־דעווערס", פאַרשי־
דענע סאַלאַטן אין מאַיאָנעז, קנישעס און קנישעקלעך, זיסע און נישט
זיסע געבעקסן, שאָקאָלאַד־טאָרטן, קרעים־טראָטן און קאָנפּיטור־טאָרטן..
ביי די ראַנדן פוןביידע זייטן טיש האָבן געגלאַנצט פלעשער מיט ליקער
און „וויסקי" און אויף פּיער גאַרנדיקע געשטעלן זענען געלעגן עפּל,
באַרן, מאַראַנצן, באַנאַנעס, טרויבן און פרישע, צייטיקע, בלויע פייגן...

ריין אויסגעבערשט, גוט צוגעקעמט און אָפּגעגלעט די האָר אין אַ
נייעם אַנצוג, אַ זויבער העמד און אָפּגעפּוצטע שיך, גלייך און גע־
שטרעקט, ווי אַ „לאָרד", האָט זיך אַרומגעדרייט דער דיכטער, מיט די
קעסאָקע אויגן, רואיק און דערהויבן פאַרטראַכט...

דער קריטיקער, אָנגעטאָן אין אַ געקעסטלט ספּאָרט רעקל, לויט
דער נייסטער מאָדע פון דער בלומסבורי „באָהעמע", איז געשטאַנען
פאַר יצחק קאַלעבשטיינס אַ ביוסט אין בראָנדז.

— עפּשטיין האָט אַ פיינעם „סענס אָף הומאָר"... — האָט ער
מיט אַ פאַרדריסלעך שמייכעלע איינגערוימט דעם דיכטער און אַ טייט
געטאָן מיטן פינגער אויף די אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אויפגע־
הויבן צום הימל און פאַרקוקט אין דער אומענדלעכקייט אריין...

— וויפיל האָט ביי אים עפּשטיין גענומען פאַר דער מצבה?...

—האָט דער דיכטער געפּרוווט „אַ טאַפּ טאָן"...

— האָ, איר זענט אויך דאָ? האָט דער קריטיקער זיך געווענדט
צו חיים אייזנבערג, — איר זענט אַליין?... מ'איז אייך נישט געווונטש
צו זען אָן אייער פרוי... ס'איז דאָ אַזוי שווער די לופט פילט איר דאָס
נישט?... אפשר וואָלטן מיר אַביסל אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן אַריין?...

ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן און מיט איין קוק אַרומגענומען
דעם זאַל מיט דער ליוסטרע, מיט דעם טעפּיך, סאָפּקעלעך, כינעזישע
וואַזעס, מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט אַרום, און מעשה מבין, מעשה
קריטיקער און מעשה מפונק, שטיל אַ קריץ געטאָן מיט די פעדערשטע,
פאַלשע ציין:

— ס'זעט דאָ אויס, ווי אין אַ מאָדערנער „לעוואַטאָרי"...

יעקב לייב מישזאָן אין אַן אויסגעוואַשענעם קראַגן און אין אַ נייעם

שניפס, האָט אונטערגעטראָגן דעם קריטיקער אַ גלעזל „וויסקי“ און אַ שלעפּ געטאָן חיים אייזנבערג צום טיש:

— „העלפּ יור סעלף“ — האָט ער אים אָנגעוויזן אויף אַ שטויס מיט טעלער, סערוועטן, גאָפּלען, לעפל און גלעזלעך אין וועלכע ס׳האָבן אויף דינע העלצלעך געשטעקט רויטע „קאָקטייל“ קארשן.

אַליין, האָט זיך יעקב לייב מישזאָן באַזאָרגט מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג פון טעלער, מעסער און גאָפּל און זיך אָנגעלייגט אַ זויערע אוגערקע, אַ שטיק טאָרט, אַ מאַראַנץ, אַ שטענגל וויינטרויבן און אַ פּאָרציע געהאַקטן הערינג מיט ציבעלעס, וואָס ער האָט דערזען שטיין אין אַ ווינקל...

חיים אייזנבערג האָט באַטראַכט די אַלע סענדוויטשן, מאַרינירטע גערעכטן, פּרוכטן, טאָרטן און סאַלאַטן און זיך גענומען אַ מעסער און אַן עפּל אויפן טעלער...

דער „באַקאַנטער דיכטער“ האָט זיך גענומען פּאָרען אַרום די סאַלאַטן און סענטוויטשן. מיט אַן עלעגאַנטן שמייכל האָט ער זיך אַלע־מאָל העפלעך פאַרנויגט פאַר די פאַרפּוצטע „לײדיס“, וואָס האָבן זיך געפּרווט אים באַהילפיק צו זיין און מיט אַ דאַנק זיך אָפּגעזאָגט פון די גלעזלעך ליקערן, וואָס זיי האָבן אים אונטערגעטראָגן...

יעקב לייב מישזאָן האָט מיטן עלנבויגן אַ שטופּ געטאָן חיים אייזנבערג...

אין אַ טונקל בלויער פעלערינע פון אַ פיינעם, זיידענעם סאַמעט, ביז צו די קני, מיט אַ טיפער זילבערנער עטרה, ווי אויף אַ גבירישן טלית, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ענג ביים האַלדז און איז זיך צעלאָפן אין בליאַסקנדיקע רינגען אַלץ ברייטער און ברייטער איבער די אַקסלען, פון וועלכע ס׳זענען געפאַלן ווייכע, מילד־כוואַליענדיקע פאַלדן, האָט אין זילבערנע שיך, שטאָלץ אַריינגעשפּאַנט אַ הויכע שלאַנקע פרוי. די קופּער רויט־געפאַרבטע האָר אָנגעקרויזט, ווי אַ פלאַמיקע קרוין, פריש פון דעם עלעקטרישן „פּערם“־קעסל אין וועלכן ס׳בריען זיך אויס „נאַטירלעכע“, „פּערמאַנענטע“ קרויזן און לאָקן... אונטער איר, אין שפּיציקע לאַק־שיך איז נאָכגעגאַנגען איר מאַן, אין אַ פראַק און אין

א ווייס, זיידן געפּרעסט העמד, מיט קליינע וואַנסיקלעך און מיט אַ גלאַנציק אָפּגעקעמטן קאָפּ. אויפן פינגער האָט ער געטראָגן אַ גראָבן, בריליאַנטענעם רינג, און אַ דין גאָלדן קייטעלע האָט זיך כלומרשט נאָכלעסיק געצויגן פון זיין הויזן קעשענע...

— ווער איז די הימלישע שענהייט?... עפּעס אַ באַוווּסטע לאָרדעכע...? — האָט יעקב לייב מישזאָן אַריינגעשושקעט חיים אייזבערג אין אויער אַריין.

חיים אייזבערג האָט זיך צעלאַכט... — זי איז מער ווי אַ לאָרדעכע, זי איז אַ קעניגין, די קעניגין פון די קאָרסעטן אין אַ ווינקל שאָפּ, מיט אַ פענצטער אין „באָנד" סטריט... „דזשעני סמאַרטס".

— אַזוי?... — האָט יעקב לייב מישזאָן אַנטוישט אַראָפּגעלאָזט די נאָז און פאַרשעמט זיך אָוועקגעדרייט פון חיים אייזבערג, ווי אַ קינד, וואָס האָט זיך באַמאַכט און הויבט צום ערשטן מאָל אָן דערפילן, אַז ס'שעמט זיך...

— די אָ, איז אַ באַוווּסטע ענגלישע מאָלערין... — האָט חיים אייזבערג צוריקגעהאַלטן יעקב לייב מישזאָן און אים אָנגעוויזן אויף אַ קליינער, עלטערער פרוי, קורץ געשוירן, אין אַ פּראָסט בלוי קליידל מיט ווייסע טופּעלעך, שיך מיט נידריקע קנאָפּל און טונקעלע זאָקן אויף די מאָגערע פיס. צוויי ברוינע, ביינערנע שפּילקעלעך האָבן פאַרהאַלטן די קורץ געשוירענע, גלייכע האָר, צווישן וועלכע ס'זענען געלאָפן גרויע סטעזשקעלעך...

— נו, וואָס איז דאָס?... פּשטות?... זי קען זיך נישט קויפן עפּעס אַ שענער קליידל, ווי די שמאַטע מיט די נקודות, וואָס שווינדלט אַזוי נודנע פאַר די אויגן?... — האָט יעקב לייב מישזאָן זיך געבייזערט.

— אָט גייט מעק שיסלער, מיט זיין נייעם ווייב!... — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן. — אויסגעפּוצט און פאַרקעמט, ווי אַ דיפּלאָמאַט... — האָט ער חיים אייזבערג אַ שטאַרקע געגעבן אין דער זייט אַריין.

— דער לעכטיקער אַנצוג זיינער, מיט די ווייסע שטרייפן, איז אָבער עכט בעקעריש... דער פּערפיום, וואָס טראָגט זיך פון אים, שמעקט נאָך הייוון און דערמאָנט אין זויערער ראַשטשינע און דאָס פּנים

פון זיין נייער פלונית׳טע וואָלט זיך באַלד געקענט פּאַרמעסטן אין דער ברייט מיט דעם אונטער חלק פון זיין פריערדיקן ווייב....— האָט חיים אייזנבערג געפּרוווט איבערקערן יעקב לייב מישזאָנס התבטלות אויף דער לינקער זייט.

— אַ ליאַכע מיט אַ קרענצל... אַ שטיק פלייש מיט אַ פּאָר ציבע־לעס אין קאָפּ... — האָט יעקב לייב מישזאָן צוגעשאָקלט.

ער האָט אַוועקגענומען חיים אייזנבערג אין אַ ווינקל אַריין און אים אָנגעוויזן אויף אַ זיידן סאַפּקעלע. — זיצט... און הערט !.. — די אויערן האָבן אים גענומען פלאַמען...

— איך בין אַמאָל מיט דאָקטאָר וויינשלבוים, ווען ער איז אַהער געקומען זאַמלען געלט פאַר דער מערעם סאַנאַטאָריע, געגאַנגען צו מיסטער שיסלער׳ן, האָט מען אונז געשיקט פון איין „שאָפּ“ צו דער אַנדערער. צום סוף האָט מען אונז ערשט קוים געגעבן זיין פּריוואַטן טעלעפאָן נומער, און, אַז מ׳האָט אים אָנגערופן, האָט ער אונז ערשט געהייסן קומען צו זיך אַהיים, קיין „גאָלדערס־גרין“... ביי זיך אין דער היים האָט אונז מיסטער שיסלער געהאַלטן אין איין שטופּן לעקעך און בראָנפן, נאָר צו דער קעשענע האָט ער זיך נישט גענומען... דאָקטאָר וויינשלבוים האָט זיך פאַר אים געדרייט און געחנ׳דלט, ווי אַ כלה מיידל, און האָט אים אַלץ נישט געקענט דערוואַרעמען, ער האָט אים דערציילט געשמאַקע וויצן און ס׳האָט אַלץ נישט געהאָלפן... פון דאָקטאָר וויינשל־בוים איז גערונען דער שוויס, ער האָט רירנד באַשריבן די קראַנקע קינדער און די גרויסע אויפטועכצער פון דער סאַנאַטאָריע, ער האָט אַפּעלירט צו שיסלער׳ס אַמאָליקער בונדישער רעוואָלוציאָנערישקייט, צו זיין חברישקייט און פּראָלעטאַרישער סאָלידאַריטעט... מעק שיסלער אָבער, האָט אים געהאַלטן אין איין פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט זיינע זיסע, קרעים „פּייסטרים“... דערנאָך האָט דאָקטאָר וויינשלבוים גענומען פאַר אים זינגען יידישע פאָלקס־לידלעך...

...„העמערל, העמערל, קלאַפּ ! קלאַפּ שנעלער אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק
אין שטוב אין קיין ברויט שוין נישטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן אַ שיעור...“

...„נישט זוך מיך ווו פֿאַנטאַנען שפּריצן, געפֿינסט מיך דאָרט נישט
מיין שאַץ,
ווו קייטן קלינגען, צײַנער קריצן, דאָרטן איז מיין רוהע פּלאַץ...“

יעקב לייב מישזאָן האָט שטיל, מיט אַ געדעמפּט קול, אָבער זער אַקוראַטנע, מיטן גאַנצן סענטימענט אַריינגעזונגען חיים אייזנבערגן אין פּנים אַריין...

...“איך האָב אַ קלײנטשיק ייִנגעלע,
אַ ייִנגעלע גאָר שען,
נאָר זעלטן, זעלטן, זע איך אים...“

...„מיר שווערן צו פֿירן דעם הייליקן שטרייט...“

...„וואָס זוכסטו שען מיידל, וואָס האָסטו פֿאַרלוירן,
וואָס זוכסטו צו געפֿינען אין וואַלד...“

— איך בין נשתּומם געוואָרן צו הערן ווי אַזוי דאָקטאָר וויינשל־בוים אַזאַ אינטעליגענטער מענטש, און וואָס איך האָב געהאַלטן פֿאַר אַן אמתן אידעאַליסט, זאָל מיט אַזאַ אייזערנעם געדולד זיצן און זיך אַזוי שווארצן דאָס פּנים אויף אַלע כלים... — האָט יעקב לייב מישזאָן אויפגעהויבן די אַקסל און צעפֿירט די לאַנגע הענט — פֿון לידל צו לידל איז דאָקטאָר וויינשלבוים, אַזוי אַ פּאַוואָליע איבערגעגאַנגען ביז צו:

...„דבורה, אוי ביזטו אַ וואוילע סחורה...“

און נאָך אַזעלכע ענלעכע לידלעך, ביז די צעיווירענע נשמה האָט זיך

אין שיסלער'ן דערוואַרעמט און ער האָט אים ענדלעך אויסגעשריבן אַ טשעק אויף פינעף פונט...איצט איז שיסלער געוואָרן אַ גאַנצע שמעלקע מיט יצחק קאַלעכשטיין, זיי האָבןביידע געמאַכט יד אחת צו זאַמלען ביי די יידן אַ גרויסע סומע געלט כדי צו שאַפן אַ פאַרלאַג און אַרויסצו־געבן „גוטע" יידישע ביכער... די השגה פון אַ מעליקן זאַק...

טאַמער האָט אַ יידישער שרייבער געקאָנט אַמאָל פאַרקויפן אַ ביכל, וועט מען אים איצט אַרויסרייסן דעם ביסן פונם מויל, טאָמער האָט מען זיך נאָך געקאָנט אַמאָל אַ טריפע טאָן, איז איצט, אַז די צוויי גראָבע תחת'ער וועלן זיך אונז אַרויפרוקן אויפן קאָפּ, וועט מען אומ־גאַנצן דערשטיקט ווערן... שטעלט אייך פאָר ווי ווייל ס'וועט אונז זיין, אַז קאַלעכשטיין און שיסלער וועלן ווערן אונזערע פאַרזאָרגער... וואָס פאַר אַ מין ליטעראַטור ס'וועט זיך צעבליען... און דאָס וועט אָנהויבן צו וואַקסן, ווי קראָפּיווע... זיי וועלן עס אַ לאָז טאָן אַ ביסל שטינק־באָמבעס איבער וויייטשעפּל... — יעקב לייב מישזאָן האָט צו־געלייגט די האַנט צו דער באַק און אויפגעהויבן די אויגן באַגלייך ער וואָלט ממש געזען די מיאוסע באָמבעס פאַלן...

— דער חילוק צווישן דעם גוטן ליינער און דעם שלעכטן ליינער און דעה־זאָגער—האָט חיים אייזנבערג גענומען דערקלערן—באַשטייט אין דעם, וואָס דער גוטער ליינער נעמט אָן אי דאָס גוטע אי דאָס שלעכטע... דער שלעכטער ליינער נעמט אויף נאָר דאָס שלעכטע, דאָס פאַרזיסטע, דאָס איבערגעקייטע, דאָס באַנאַלע און אויסגעשפּיגענע אין דער וועלט פון ליטעראַטור און חכמה; דאָס ווידער, וואָס אָטעמט, לעבט, קעמפט, פילט און איז פול מיט וויטאַק, דאָס וועט דער שלעכ־טער ליינער אינגאַנצן נישט צולאָזן, דאָס קען ער לחלוטין נישט פאַר־טראָגן...

— צו דעם ענין האָב איך אַ גוט משל — איז יעקב לייב מישזאָן אַריינגעפאַלן חיים אייזנבערגן אין די רייד אַריין...

— אַ גבאי'טע איז אַמאָל געקומען אין אַ מושב זקנים נאָכקוקן צי די קיך ווערט גוט געפירט און צי דער עולם, וואָס האַלט זיך אין איין באַקלאָגן אויף די מאכלים איז טאַקע גערעכט. צי טשעפּן זיך נישט אַמאָל די אַלטע לייט אומזיסט?... די גבאי'טע האָט פאַרזוכט פון יעדן

טאָפּ, פאַן און ריינדל און האָט געגעבן די עצה, אַז די מאכלים פעלט גאַרנישט, מ׳דאַרף זיי בלויז אַביסל לענגער קאָכן... דאַרויף האָט אַן אַלטיטשקע אַרויסגענומען פון אונטער דעם פאַרטוך אַ זשמעניע אַרבעס און דערלאַנגט דער גבאי׳טע צו פאַרזוכן... די גבאי׳טע האָט געפּרוווט עטלעכע אַרבעס צו קייען און געקומען צו דער מסקנה, אַז דאָס האָט זי טאַקע געמיינט... אַזוי באַדאַרף מען קאָכן... — „איר מוזט אָבער וויסן, האָט די אַלטיטשקע איר געענטפערט, אַז דעם דאָזיקן אַרבעס האָב איך שוין פריער געגעסן און ער איז שוין איינמאָל דורכגעגאַנגען דורך מיין מאָגן... דערפאַר שמעקט ער אייך אַזוי גוט...“

— וואָס ווייכער און וואָס מער צעקאָכט און אויסגעדראָשן אַלץ בעסער...

צוויי דינסטמיידלעך, מיט צאַרטע, ראָזע פּנימער, די וויעס און די ברעמען אונטערגעפּירט, ווי ביי קינאָ אַקטריסעס, אין פאַרטוכלעך פון דינע, זיידענע שפּיצן, האָבן אַרומגעפּלאַטערט מיט הייסע וווּרשטלעך...

— „ווי׳ל יו העלפּ יורסעלף וויטה טהי האָט דאָקס...“

יעקב לייב מישזאַן האָט זער פאַרזיכטיק, ווי פאַר אַן עקזאַמען געגומען גאָפּל און מעסער און נישט זיכער ווי אַזוי זיי אָוועקצולייגן אַרום די ווורשטלעך, איז ער אומבאַהאָלפן אַרומגעפאָרן מיט די הענט אַראָפּ און אַרויף, זער העפלעך זיך פאַרנויגט און אונטערטעניק גע־שמייכלט צו די דינסטמיידלעך...

חיים אייזנבערג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די ווורשטלעך...

— טהענק יו... נאָ !... איי׳ל העוו סאַם פרוט...“

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו אַ רייפּט פריש געשניטענעם אַנאַנאַס און דערפילט מיסעם קאַלטשטיינס קאַלטן, פאַרוווּנדערטן בליק אויף זיינע פינגער...

— די אויפקלערערישע עפּאָכע, וואָס האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט ביז צו איין שפּיץ באַרג פון חכמה און געבראַכט דעם אמת, אַז רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק, האָט זיך צום באַדויערן אויסגעגליטשט און אַריינגעפאַלן אין אָפּגרונט פון דער מאָדערנער שונד־ליטעראַטור און

שונד־פילאָסאָפיע, וואָס זענען נאָך אַ סך אַ שעדלעכערער אָפּיום פאַרן פאָלק, און דער שוואַכער פאָלקס־אָרגאַניזם איז דער דאָזיקער סכנה נאָך מער אויסגעשטעלט... — האָט חיים אייזבערג זיך אומגעקערט צום אָקערשט איבערגעריסענעם שמועס... — מ׳דאַרף נישט קיין בעד־סערן ביישפּיל, אָדער ריכטיקער געזאָגט קיין ערגערן, ווי די אידעאָלאָגיע פונם פּאַשיזם, וועלכע איז גאָלע שונד און אַפּעלירט אַזוי צו די מאַסן... די מענטשן קענען זיך נישט פונאַנדער קלויבן און זיי מישן אָפּט אויס די יוצרות... אָפּט כאַפּן זיי זיך אָן אין גאָרנישט און מיינען, אַז זיי האָבן דערטאַפּט דעם טאָטער... אַז זיי דערהערן אַמאָל אַן אויפריכטיק וואָרט, אַז מ׳רעדט צו זיי אַמאָל (דעמאָלט ווען ס׳דערגייט שוין דעם אמתן קינסטלער ביז צום הארצן) אָפענע דבורים, איז כאַפּן זיי זיך אין דעם אָן און נעמען דאָס אָן פאַר דער פאַלשער מטבע. און גראָד אין דעם דערזען זיי דעם שונד... איך האָב אַנומלט אין קאַפע־הויז געטראָפן משה וויסל, האָט ער מיר געהאַלטן אין איין ברייען, אַז זייער טרופּע שטייט מיטן גאַנצן קאָפּ העכער פונם שונד טעאַטער אין ווייטשעפּל, אַז ביי זיי ווערט געשפּילט ריינע קונסט, אַזוי ריין, אַז אין דער ראָלע פון זייער פּרימאַדאָנע, האָט מען געמוזט אויסשטרייכן אַלע מיאוסע ווערטער, און אפילו אַזאַ אויסדרוק ווי „אַ רוח אין דיין טאַטן“ האָט מען געמוזט אַרויסוואַרפן, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז זי קען דאָס איבער אירע ליפּן נישט ברענגען...

— אַ האַ! — האָט יעקב לייב מישוזאָן אויסגעשאָסן אַ ווילד געלעכטער...

— משה וויסל איז געפאַלן אויפן שכל... ענדלעך ווייסט ער שוין אויך „מיט וואָס די מאַמע גייט אין באָד אַריין...“

חיים אייזבערג, האָט זיך נישט געלאָזט אַראָפּפירן פונם שמועס, — פיינער סטיל און פאָרעם אין דער קונסט איז אַ מין העכערע שטופע פון טאַקט, באַנעמען און העפלעכקייט אין דעם אופן פון בייברענגען אַ געוויסן ענין. אָט די פיינקייט פון זיך באַנעמען אין דער קונסט, פונקט ווי אין לעבן, באַשטייט פאַר אַלעמען אין דעם וואָס מ׳באַהאַנדלט דעם לייענער, ווי אַ גלייכן, דערוואַקסענעם, פאַרשטענדיקן און פיינ־

פילנדיקן מענטשן, אַז מ׳רעדט צו אים נישט ווי צו אַ קינד, נישט ווי צו אַ נאַאיוון יאָלד, ווען מען נעמען מ׳קען נעמען אויף זיכער. דערפאַר אימפּאָנירן אַזוי דעם אמתן מבין שטענדיק יענע שטעלן פון אַ קונסט־ווערק אין וועלכע אַ געדאַנק ווערט געבראַכט וואָס מער אינדירעקט, וואָס זייטיקער, וואָס מער בדרך אגב און פאַרבייגייענדיק, ווי מ׳רעדט מיט מענטשן, וואָס ווייסן אין וואָס ס׳האַנדלט זיך...

אויך דער נאַקעטער רעאַליזם, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, איז איינער פון די העפלעכסטע פאָרמען פון קינסטלערישן קאָמוניקירן אַ געדאַנק, צי אַ געפיל צו אַ צווייטן, ווייל דאָס איז די פאָרם אין וועלכער אַ דערוואַקסענער מענטש רעדט צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן. נאַטירלעך מוז דאָס בלייבן אַ קינסטלעריש מיטל, מ׳דאַרף עס נוצן בלויז דאָרט וווּ ס׳איז נויטיק, און מ׳טאָר מיט דעם נאַקעטן רעאַליזם נישט מיסברויכן; ער טאָר נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ציל פאַר זיך אַליין. פאַרקערט ווידער, אין דעם בוימלדיקן, פאַרציקערטן און סענטימענטאַלן דרש שטעקט מער אונטערשאַצונג צום לייענער און דערפאַר טאַקע אויך מער אומהעפלעכקייט און גראָבקייט, דאָס הייסט, ערגערע פאָרם און ווייניקער פון קינסטלערישן סטיל...

אויב אַ שרייבער כאַפּט זיך צו צו דעם נאַקעטן רעאַליזם מיט אַ מין צופרידנקייט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ פעטער קוגל מיט וועלכן ער פאַסמאַקעוועט זיך אַזוי, איז דאָס טאַקע שונד. דעמאָלט ווען דער נאַקעטער רעאַליזם קומט דאַקעגן אַלס אַן אויסדרוק פון גערעכטן צאָרן, פון טיפן פאַרדרוס, פון גייסטיקער אויפרעגונג און ווייטאָק, דעמאָלט איז דאָס דער אויפריכטיקסטער און שטאַרקסטער אופן פון רעדן...

דאָס אַלעס דאָ געזאָגטע, האָט נאָך אַלץ מערסטנטייל צו טאָן מיט דער פאָרם. אָבער דער ממשות׳דיקסטער חילוק אינם אינהאַלט, דער גרעסטער אונטערשיד אינם מהות, דער אמתער חילוק, וואָס ליגט צווישן שונד און עכטער קונסט, קומט פון דער גרויסער אינערלעכער מאָראַל, וואָס לעבט אין דער עכטער שאַפונג און פעלט אינם שונד.

אָט די גרויסע אינערלעכע מאָראַל האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער ביליקער און באַנאַלער מאָראַליזאַציע, ווידער, וואָס קומט דעם

שונדיסט זער לייכט אָן, וועלכע ער מעלה־גרה׳ט פּונקט ווי די גבאיטע פון אייער אַנעקדאָט, וואָס קאַיעט דעם אויסגעדאָסטן אַרבעס. ווייל די דאָזיקע מאָראַליזאַציע דערציט דעם לייענער צו זיין פּונקט אַזוי צבועקיש, ווי צבועקיש און געפיל־לאָז ס׳איז דער שרייבער פון אַזאַ לויזער פּרעדיק...

דער תהום, וואָס ליגט צווישן שונד און צווישן עכטער קונסט, איז די הויכע סאָציאַלע מאָראַל, וועלכע וואָרצלט אין דער גרויסער ליבע, וואָס דער עכטער קינסטלער טראָגט אין זיך, פּאַר וועלכער ער ליידט און איז גרייט צו ליידן, אין דער ליבע מיט וועלכער זיין ווערק מוז אָטעמען, אין דער ליבע און פרייד, וועלכע ער ברענגט די מענטשן...—

— מיט אייך קען מען זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין דיסקוסיעס, — האָט יעקב לייב מישזאָן אָנגעהויבן מאַכן מיט די הענט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך פון עפּעס ווערן — איר זענט איינזייטיק, איר האָט איין מאַניע „מאָראַל און סאָציאַל“... און וואָס איז מיט ליבע צו שענקייט און צו פרייהייט, וואָס איז מיט דער ליבע צו דעם באַהעמע לעבן און וואָס איז מיט דער שטרעבונג אויסצוטאָן זיך פון אַלע צוימען און מאָראַלן ?...—

— כאַפּט נישט, כאַפּט נישט! — האָט חיים אייזנבערג אים איבערגעשריגן — פון לכתחילה איז באַהעמישקייט געווען אַן אַרויספאָדערונג און אַ פּראָטעסט קעגן די אויסערלעכע און אויבערפלעכלעכע מאַניערן, קעגן די היפּאָקריטישע צערעמאָניעס, וועלכע זענען קולטיווירט געוואָרן אויפן חשבון פון מער אויפריכטיקע, גערעכטערע און מער אמת׳דיקע געפילן. אין איר צייט איז די באַהעמע געווען אַ רעוואָלוציאָנערע קראַפט און האָט אויסגעדריקט די פאַראַכטונג, וואָס די אונטערדריקטע האָבן געפילט צו די פעאָדאַלן, זי האָט אָבער פאַרטראָטן אַ נייע מאָראַל.

דאָרט ווו ס׳פעלט אינגאַנצן מאָראַל, קען נישט זיין קיין שום געפיל, נישט צו קיין פרייהייט און נישט צו קיין שענקייט, ס׳איז בלויז קליינלעכע געלטונג, וועלכע איז פאַרבונדן מיט שווינדל און געמיינהייט... ווען אַן אַלטער ייד מיט אַ גראָבן בויך, ווי מיסטער שיסלער,

וואָס האָט שוין ניט קיין צאָן אין מויל, ווערט שוין אויך אַ באַהעמיען, ווען אַן אַלטער הונט, ווי ער טוט זיך שוין אויך אָן דאָס מיצל, לאָזט איבער דאָס ווייב, וואָס איז אים דאָס גאַנצע לעבן געווען דער נאָענט־סטער פריינט, קויפט זיך אַ יפהפיה פאַר וועלכער ער איז נישט מער ווי אַ געלט זאַק און ווערט אַ ליטעראַטור און קולטור פאַרזאָרגער, מעג מען שוין דאָס מיסט אַוועקריינקן...

אין זאַל איז מיטאַמאָל שטילער געוואָרן. דאָקטאָר סאַלאָמאָן וועסטקליף איז אַרויס פונם רינג פון האַלב באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פּנימער, וואָס האָבן אים געהאַלטן אין איין פרעגן „צי איז נישט דער פאַשיזם אַ רעאַקציע קעגן קאָמוניזם און צי איז נישט די קאַטאַס־טראָפע, וועלכע איז געשען צו די יידן אין דייטשלאַנד, די שולד פון די יידן וואָס שטופּן זיך צופיל אין די אויגן אַריין...“

ער איז אַנטקעגן געלאָפן דעם וויכטיקן מיטגליד פון דער „באָארד אָף דעפּיוטיס“, פּראָפעסאָר פעליקס באַדעס, וועלכער האָט ווייך און לאַנגזאַם געטראָטן, געשמייכלט צו זיך אַליין, די אויגן אַראָפּגעלאָזט און דער בליק געווענדעט אין זיך אַריין, באַגלייך ווי ער, דער פּראָפעסאָר, וואָלט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם אינטערעסאַנטן שמועס און פון דער באַצויבערנדיקער פּערזענלעכקייט, וואָס ער זעט דאָרט ערגעץ טיף אין זיך....

צו זיין רעכטער זייט איז אויסגעוואַקסן מיסעס קאַלעכשטיין, איר קערפּער, וואָס האָט זיך געוויינטלעך געדרייט אין דער טאַליע, ווי אַ וואָגן אויף דעם סוואָרין, האָט זיך געפּרוווט האַלטן גלייך, אירע באַוועגונגען זענען געווען שטייף, דער קאָפּ און די אויגן אָנגעשטעלט פאָרויס און דער שפּאַן איז געווען געמאָסטן ווי אין צוים...

צו דער לינקער זייט האָט זיך זער סטאַטעטשנע, ווי אַ לייטיש יינגל נעבן אים געהאַלטן פילי קאַלעכשטיין. ער איז געווען זער צופרידן מיט זיין דערגרייכונג. „איצט וועט דער ‚דעד‘ זען, אַז ער איז גערעכט... וויפיל האָט עס דען ביי אים גענומען צוצולויפן מיטן אויטאָמאָביל צום „וואָבורן־הויז“...? אַ גאָרנישט... מ׳וואָלט געווען געקענט זיצן נאָך אַ שעה און וואַרטן...“

מלאכה בזויה

יצחק קאַלעכשטיין, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן צווישן מעק שיסלער און דאָקטאָר סאָלאָמאָן וועסטקליף און אַלץ געפּרוּווט אָפּשטופּן די זייטיקע פֿראַגן, גע׳עצה׳ט זיי פֿאַרצוברענגען שפּעטער נאָך די רעדעס און בעת מעשה זיך באַמיט פֿאַוואָליע צענויפֿצופֿירן און פֿאַרבונדן מעק שיסלער׳ן מיט דאָקטאָר סאָלאָמאָן וועסטקליף אין אַ שמועס, האָט איצט איבערגענומען דעם גאַסט און איז מיט אים אַרויפֿגעגאַנגען אויבן אָן צו דער קליינער בימה מיט די אייגנס געמאָלענע פֿאָרהאַנגען, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך בלאַס און אויסגעמוטשעט געקנייטשט די מערת המכפלה, דער כותל המערבי, פּאַלמען און קעמלען...
אַלע דריי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי דעם לאַנגן טיש, פֿאַרשפּרייט מיט אַ טייערן האַנט געשטיקטן טישטוך פֿון „קענסינגטאָן"...

פּילי קאַלעכשטיין איז געשטאַנען נעבן יעקב לייב מישזאָן און שטיל זיך געבייזערט אויף אים.

— איר הערט נישט אויף יעדן איינעם צו באַרעדן, אַזוי ווי די אַלטע ווייבער!.. שטערט נישט די פֿאַרזאַמלונג... גיי רוף אַריין דיינע פֿריינט...

יעקב לייב מישזאָן האָט אויסגעשטשירעט די ציין און טאַמעוואַטע אים געלאַכט אין פּנים אַריין...

חיים אייזנבערג האָט געפֿונען אין דער קעשענע אַ שרייב־פּענדל און אויף פּאַפּיר שנעל פֿאַרענדיקט דעם שמועס, וואָס איז אים פּונקט באַ דעם וויכטיקסטן אָרט איבערגעריסן געוואָרן...

— די מענטשהייט נויטיקט זיך איצט אין אַ נייעם הומאַניזם, אַ הומאַניזם, וואָס האָט שוין אין זיך איינגעזאַפּט דעם מאַרקסיזם, די טעאָריע פֿון פֿרויד און אַדלער, די טעאָריע פֿון רעלאַטיוויטעט; אַ הומאַניזם, וואָס ווייסט, אַז אמת איז אַ רעלאַטיווער באַגריף, אַז שענקייט איז אַ סוביעקטיווע אָפּשאַצונג, אַז גערעכטיקייט און מאָראַל זענען בלויז דער פּאָליטור פֿון קלאַסן־מאַכט, אָבער, אַז כאָטשע אַזוי און נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען קען די מענטשהייט אָן פּשוטער מענטשלעכקייט, אָן פּראָסטער גוטקייט, אָן איינפֿאַכער טאָג־טעגלעכער מאָראַל דאָך נישט לעבן, פּונקט ווי מ׳קען נישט לעבן אָן קיין לופֿט

און, אז אָן אַט די איינפאַכע, אָבער לעבנסוויכטיקע פּרינציפּן קען די מענטשהייט נישט אָטעמען, אז אָן די דאָזיקע עלעמענטן און וויטאַמינען מוז זי אונטערגיין און דעגענערירן, זי מוז פאַרדאַרבן און פאַרשטונקען ווערן, ווי פיש אויף דער טריקעניש...

פונקט ווי דער מאָלער מוז קענען די אַנאַטאָמיע פון מענטשן און טאָר זי אָבער דערביי נישט שטענדיק טראָגן אויפן קאָפּ, פונקט ווי דער קינסטלער טאָר נישט שטענדיק האַלטן פאַר די אויגן קיין שאַרבן און מאָלן לויט דעם מאָדעל פון אַ סקעלעט, אַזוי טאָרן אַט די טעאָריעס נישט פאַרוואַנדלען אונזער בילד פון דעם לעבעדיקן געוועב פון מענטש־לעכע באַציאונגען אין געאָמעטרישע פיגורן, געמאָסטן און געצייכנט מיט אַ ווירע, ווייל אפילו אַ גלייכע ליניע געמאָלן מיט דער האַנט פון אַ קינסטלער, זי מעג זיין גראָד, ווי אַ ווירע, פאַרמאָגט שוין אין זיך די וואַרעמקייט, דאָס געפיל, די ליבע און די לעבעדיקע באַציאונג, וואָס קען נישט זיין און איז אויך נישט נויטיק אין דער ליניע, וועלכע ווערט געצייכנט מיט אַ ווירע, ווי ווערטפול די ווירע זאָל נישט זיין פאַר גע־וויסע צוועקן און באַשטימטע אומשטענדן...—

... — מיר, וואָס אונזערע גלויבנס־ברידער זענען צעזייט און צע־שפּרייט איבער דעם גאַנצן וועלט־קיילעך, מיר זענען שטענדיק צווישן דעם האַמער און דער קאָוואַדלע, דערפאַר דאַרף די לאָזונג פון די יידן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען, זיין „לאָיאַליטעט“ צו דעם לאַנד, צו דעם פאָלק, און צו דער מלוכה אונטער וועלכער זיי לעבן... מיר טאָרן נישט פירן קיין פּאָליטישן קאַמף און מיר דאַרפן זיך נישט מישן אין קיין פּאַרטייאישע מחלוקות, מיר מוזן זיך שיצן און ווערן בלויז קעגן דעם „אַנטיסעמיטיזם“... יעדעס פאָלק איז ווערט אַזאַ רעגירונג ווי ס'האָט... נישט געקוקט אויף דער טראַגישער לאַגע אין וועלכער אונ־זערע ברידער געפינען זיך מוזן מיר אויך איצט זיין לאָיאַל און זאָגן ס'איז פאַר דעם דייטשן און איטאַליענישן פאָלק אויסצוקלויבן דעם רעזשים, וועלכער געפעלט זיי...

פּראָפעסאָר באָדעם האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דאָקטאָר

סאַלאָמאָן וועסטקליף, איבערצייגט, אַז דער פּאָרזיצער פאַרשטייט וואָס ער מיינט, איז מיט אים איינשטימיק און שאַצט אָפּ זיינע רייד...

דער פּאָרזיצער האָט פריינטלעך צו אים געשמייכלט, און יצחק קאַלעבשטיין האָט געהאַלטן אין איין צושאָקלען און פּאַטאַקעווען...

— צי איר ווילט יאָ, צי איר ווילט נישט, די פאַשיסטן האָבן אונז שוין במילא אריינגעבראַקט אין זייער פאַרברעכערישער פּאַרטיי פּאָלי־טיק... דאָס בלוט פון אונזערע ברידער שרייט צו אונז אַרויס פון די אַש־קעסטלעך... די שולד וועט פאַלן אויף אונזערע קעפּ, אויב מיר וועלן זיך נישט אָננעמען און אויב מיר וועלן עס פאַרשווייגן... — האָט יעקב לייב מישזאָן אַרויפגעשריגן צו דער בימה און דאָס מויל איז אים פאַר כעס און אויפרעגונג פאַרלאָפן מיט שוים...

— „היר"... „היר"... — האָט חיים אייזנבערג אונטערגעהאַלטן דעם בלייך געוואָרענעם יעקב לייב מישזאָן...

— ש.. ש.. ש., — האָט מען פון דעם עולם אָנגעהויבן אויף אים צו שיפּען...

— „האו טעקטלעס"... „נאָ סענס"... „נאָ רעספּעקט"... — האָבן די פרויען זיך גענומען שושקען אויף אים...

יצחק קאַלעבשטיין האָט מיט אויטאָריטעט דריי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש...

— „קווייעט פּליז"... — האָט פּילי געדונערט און מיט דעם פינגער אָנגעוויזן יעקב לייב מישזאָן, אַז ער זאָל זיך אַנידערזעצן אויפן בענקל... „סיד־דאַאון"...

דער פּאָרזיצער האָט זיך אויפגעהויבן און זער העפלעך און רואיק צוגעזאָגט, אַז צום סוף וועט יעדער איינער האָבן די מעגלעכקייט צו שטעלן פראַגן און אויסצודריקן זיין מיינונג...

פּראָפעסאָר פעליקס באָדעם האָט אויספירלעך און לאַנגזאַם ווייטער געפירט זיין פריערדיקן אַרגומענט... ער האָט באַפעסטיקט זיין מיינונג מיט „פאַקטן פון דער יידישער געשיכטע", פון דער „בייבל" און פון די פּראָטאָקאָלן פון דער „באָארד אָף דעפּיוטיס"....

— איך האַלט, אַז די יידישע „קאָמיוניטי" וואָלט זיך באַדאַרפט

באשטייערן און שאפן א גרויסן פאנד אויף צו פארעפנטלעכן אויסגאבן אין וועלכע מיר זאלן פארטיידיקן אונזער זאך און אנווייזן, אז מיר האבן נישט קיין שום שלעכטע אבזיכטן, מיר זאלן דערקלערן אונזער גוטן ווילן און אונזערע בעסטע ווונטשן... פאר אלעמען מוזן מיר אבער אויף א וויסנשאפטלעכן אופן, מיט דער הילף פון ערנסטע און טיפע אויספארשונגען, פון אריגינעלע דאקומענטן און היסטארישע קוועלן איבערצייגן די וועלט, אז ס'איז נישטא אזא זאך, ווי אן ארגאניזירטע אינטערנאציאנאלע יידישע איניקייט, אין וועלכער די נאצים באשול־דיקן אונז...

ער האט ווידער געווענדט זיין פנים צום פארזיצער, באגלייך ווי ער וואלט געוואלט דעם פארזיצער אזוי ווי ער שטייט און גייט אריינ־פירן, ווי א „ציטאטע" און אים ברענגען אין זיין רעדע אריין, ווי א מין קלארן באוויז צו דעם אויספיר...

— הלואי וואלט דאס יידישע פאלק פארמאגט אזא זאך ווי אן אינטערנאציאנאלע יידישע איניקייט, — האט חיים אייזנבערג א גע־שריי געטאן און דערפילט, אז ער ציטערט אומגאנצן פאר אויפרעגונג.

קיינער האט זיך דאס מאל נישט אומגעקוקט און פראפעסאר באדעם האט מיט פראפעסארישער גענויטשאפט און „עלאקווענץ" רואיק זיך געגליטשט צום ברעג פון זיין לאגישן אייז־רינג...

מיד פון זיין לאנגער אויסגעארבעטער רעדע, האט ער אנגעבויגן דעם קאפ אונטער דעם שטורעם פון אפלאדיסמענטן און פאמעלעך זיך אראפגעלאזט אויף דעם פלושענעם פאטעל.

פארבעטן צום טיש, בא דאקטאר סאלאמאן וועסטקליף, האט דער איבערזעצער, וואס האט גערעדט א פליסיקן ענגליש און א ביסל יידיש זיך געלאזט צו דער בימה, זיין פלייצע איינגעבויגן, ווי ביי א ביכער־ווארעם און די אויגן ווי ביי א סאווע, ארויסגעבאלעט דורך די ברילן. אין די הענט האט ער געהאלטן א בינטל פאפירן, דער כתב־יד, ארומ־גערינגלט מיט באמערקונגען ביי די זייטן, נאטיצלעך אין אלע פיר עקן, געשריבן מיט דרויבלעך און פיצלעך אותיות. מיט דעם פאטאס און אנשטעל פון א פראווינצלערישן אקטיאר אין אן אמאטארן טרופע,

ווען ער רעציטירט שעקספּירן, האָט ער גענומען פּאַרליינען די איבער־זעצונג, וואָס ער האָט געמאַכט פון אַ „נחמה בריוו“ געשיקט צו די יידן פון אַ פראַנצויזישן בישוף, אַ „נחמה“ בריוו, וואָס איז געווען גע־דרוקט אין אַ יידישער צייטונג אין אַמעריקע.

יצחק קאַלעכשטיין האָט איינגעראָמט דעם פּאָרזיצער ער זאָל פאַרבעטן צום טיש דעם קריטיקער, וועלכער האָט באַשטימט אויך אָן „אָריגינעל“ וואָרט צו זאָגן.

דער קריטיקער האָט זיך אַביסל געקווענקלט, נישט וועלנדיק זיך אַרויסרייסן פון זיין רעזערווירטקייט, האָט ער אָבער געלאָזט זיך צו־רעדן, איז צוגעגאַנגען צום טיש און אָנגעהויבן זער שטיל און שעמעוו־דיק אַפּעלירן צום יידישן פאָלק, ס'זאָל זיך אויפפירן מער דיסקרעט... די יינגלעך און מיידלעך זאָלן נישט רעדן אַזוי הויך און שרייענדיק, זיי זאָלן נישט לאַכן אין גאַס, די פרויען זאָלן זיך נישט פאַרבן די האָר אויף בלאָנד, נישט רויטן די באַקן און די ליפּן און די יידישע קרעמער זאָלן זען, אַז זייערע געשעפטן זאָלן זיך נישט צעוואַקסן, ווייל דאָס וועט פאַרדריסן זייערע קריסטלעכע שכנים און זיי וועלן זער בייז ווערן.. און די קאָנסעקווענצן קענען מיר דאָך... דאָס יידישע פאָלק מוז זיך אויסלערנען צו זיין ווייניקער קריטיש צו אַנדערע און אָנווענדן מער קריטיק צו זיך אַליין, מער אאוטאַ־קריטיק... זיין קול איז פאַמעלעך געשטיגן און געוואָרן אַלץ שטאַרקער...

— מיר דאַרפן מאַכן אָרדענונג ביי זיך אין דער היים... מיר דאַרפן זוכן אונזער אייגענע שולד... לאָמיר אויסטאָן די זייגערס מיט די רינ־גען... „נחפשה דרכנו“... לאָמיר זיך אָפּגעבן דין וחשבון... לאָמיר אַריינקוקן אין די אייגענע נשמות און זען ווו האַלטן מיר אין דער וועלט... אפשר זענען מיר גאָר אַליין שולדיק אין אונזערע צרות?...—

חיים אייזבערג האָט געבעטן דאָס וואָרט.

יצחק קאַלעכשטיין האָט געמאַכט אַ זויערע צורה, נאָר דאָקטאָר סאָלאָמאָן וועסטקליף, מיט זיין ענגלישער קאָרעקטקייט, איידלקייט און דעמאָקראַטישער טראַדיציע, האָט מיט גרויס גנאָד געהייסן חיים אייזבערג רעדן...

י. א. ליסקי

אַלעס, וואָס האָט פריער אין חיים אייזבערג׳ס אויגן אויסגעזען צו זיין אַזוי פאַלש און אַזוי נאַריש, סיי אין דער רעדע פון פּראָפעסאָר באָדעס, סיי אין דער רעדע פונם קריטיקער, האָט זיך איצט אין זיין קאָפּ אויסגעמישט און איז צעשוווּמען געוואָרן. ער האָט נישט געוווּסט אין וואָס פריער זיך אָנצוכאַפּן און פון וואַנעט אָנצוהויבן. ווי אַ שוואַכער שווימער האָט ער צוערשט געפּרוּווט זיך אָנלענען אינם גרונט און געוואָלט די פאַרזאַמלטע, אויף איין פוס אויסלערנען די געזעצן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע...

— ס׳איז אַן אומזין זיך פאָרצושטעלן, אַז אין אַן אָרדנונג, וואָס איז געבויט אויף פּריוואַטער אונטערנעמונג און קאָנקורענץ וועלן די אינדיווידועלע מיטגלידער, וועלכע זענען עקאָנאָמיש, פּסיכאָלאָגיש און לויט זייער מענטאַליטעט פּראָדוקטן פון דער זעלבער אָרדנונג, אַז זיי וועלן פּלוצים, בלויז דערפאַר ווייל זיי זענען יידן, אָנהויבן האַנדלען און זיך באַנעמען, ווי מענטשן פון אַן אַנדערער וועלט, אַז זיי וועלן האַנדלען קעגן זייערע אייגענע אינטערעסן און אין קעגנזאַץ צו דער אַנטוויקלונג פון דער אָביעקטיווער היסטאָרישער נויטווענדיקייט... נאָר אין אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג, וואָס איז נישט געבויט אויף קיין קאָנקורענץ און אין וועלכער דער שוואַכערער ווערט נישט צע־טראָטן, קענען די יידן פונקט ווי אַלע אַנדערע בירגער אויפהערן צו קאָנקורירן צווישן זיך און מיט די אַרומיקע...

— „טו טהי פּוינט פּליז"... — האָט פּילי קאָלעכשטיין דערמאָנט חיים אייזבערג, ער זאָל זיך נישט פאַרגעסן און נישט אַריינפאָרן מיטן דישל אין טשאָלענט אַריין...

אַרום חיים אייזבערג האָבן זיך געריסן און אַלעמאָל אויפגעפּלאַצט צוריקגעהאַלטענע געלעכטערלעך...

— ווען אונזער קריטיקער האָט דאָ גערעדט—האָט חיים אייזבערג אָנגעהויבן צו כאַפּן די ווערטער און געפּרוּווט שנעלער זיך צושלאָגן צום עיקר — איז מיר אויסגעקומען ווי איך וואָלט געזען אַ מענטשן, וואָס קאָרטשעט זיך אונטער׳ן שטיוול פון מערדער און איינעם, וואָס שטייט און הייסט דעם קרבן אָנווענדן צו זיך אאוטא קריטיק, אָדער ווי

ס׳וואָלט פאַר אונז געשטאַנען אַ הויז, וואָס ווערט פאַרפּלייצט און מ׳הייסט דעם הויזגעזינד מאַכן אָרדנונג ביי זיך אין שטוב, אַנשטאָדט דעם דאַזיקן הויזגעזינד צו העלפן זיך צו ראַטעווען... דעמאָלט ווען היטלער הרג׳עט אויס די יידן, דעמאָלט ווען דער פּאַשיזם טרעט מיט די פיס יעדע מענטשלעכע רעכט, הייסט איר די יידן זוכן די שולד אין זיך אַליין, און איר ווילט דעם מלאך המות געפינען אַ זכות...

דער פאָרזיצער, דאָקטאָר סאַלאָמאָן וועסטקליף, האָט אויפמערקזאַם געקוקט חיים אייזבערג׳ן גלייך אין די אויגן אריין, דער קריטיקער האָט זיך געמינעט פאַר כעס און יצחק קאַלעכשטיין האָט שטילערהייט אַריינגע׳טענה׳ט פעליקס באָדעם אין אויער אַריין, און דער פּראָפעסאָר האָט געקוקט צום סופיט, באַגלייך ער וואָלט געווען פאַרטאָן אין די עולמות העליונים....

ווי נאָר חיים אייזבערג האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט דאָקטאָר וועסטקליף אים געדאַנקט און דערקלערט די פאַרזאַמלונג געשלאָסן...

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אַרום די רעדנער, קוועטשן זיי די הענט און איינלאַדן זיי צו זיך...

—איך האָב שוין באַקומען דעם טשעק אויף צוואַנציק פונט פונם פאַרלעגער פאַר דעם איבערזעצן דעם אויסצוג פון אייער בוך, קומט צו מאָרגן צו מיר אַהיים, וועל איך אייך ווייזן די איבערזעצונג איידער איך שיק זי אַוועק, — האָט דער איבערזעצער איינגערוימט חיים אייזבערג און זיך אָנגעהויבן איילן אַהיים...

אין ווינקל האָט קלאַרא וואַנסמאַן ווייך און אונטערטעניק זיך גע׳חנפ׳עט צו מיסעס קאַלעכשטיין און זיך אַנטשולדיקט פאַרוואָס זי האָט זיך אַהער אַריינגעריסן, ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט. — איך בין דאָ צוליב „זער אַ וויכטיקן ענין"... — איר פּנים איז געווען בלייך און פילטשיק און די אויגן האָבן געזוכט...

זי האָט זיך צוגערוקט צו חיים אייזבערג און אים דערלאַנגט אַ קוויטעלע... „באַקענט מיך מיט פּראָפעסאָר באָדעם, און מיט דאָקטאָר סאַלאָמאָן וועסטקליף, איך וויל מיט זיי רעדן וועגן „פאַראייניקונג"...

חיים אייזבערג האָט זי ווילד אָנגעקוקט און כאַטשע ער האָט גוט

געוווּסט, אַז זיינע ווערטער וועלן אויף איר קיין שום פּעולה נישט האָבן, האָט ער זיך אָבער אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט סוף כּל סוף אויסצולאָזן זיין האַרץ צו איר און אויסצוגיסן דעם כּעס, וואָס איז אין אים אָנגעזאָמלט.

— וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר איז אויף אייך, וואָס לויפט איר אַרום זוכן באַקאַנטשאַפט און האַלט אייך אין איין יאָגן נאָך נעמען?....
פאַרוואָס גייט איר נישט צווישן די אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, פאַרוואָס גייט איר בעסער נישט אויפקלערן און אָרגאַניזירן די פּשוטע מענטשן?... פאַרוואָס פּרוּווט איר נישט אויפריכטיק צו אַרבעטן, אויפריכטיק צו קעמפן און אויפריכטיק זיך צו לערנען?... אַז איר וועט אויפריכטיק אַרבעטן, לערנען און קעמפן, וועלן די בעסטע און ערלעכסטע פּראָפעסאָרן קומען צו אייך... וואָס קריכט איר מיט אייערע פּיס אין פּראָפעסאָר באָדעמ׳ס שעפּל־וואַסער אַריין, ער האָט עס שוין אַן אייך אויך פאַרפּאַסקודיעט...

קלאַראַ וואַנסמאַן איז בייז געוואָרן און זיך געוואָרפן.

— הערט אויף צו נוצן די פּראָזעלאָגיע...—

— דאָס וואָרט „פּראָזאָלאָגיע“, האָט איר שוין אויך צוגע׳גנב׳עט און איר נוצט עס שוין, ווי אייערס אַן אייגן שפּיזל, איר וועט עס באַלד אַרויסשטעלן אין דער וויטרינע פון אייער ווערטער־קרעמל און עס פאַרקויפן פאַר כּשר׳ער סחורה... — האָט חיים אייזנבערג זיך אָנגעהויבן מער און מער צו קאָכן...

קלאַראַ וואַנסמאַן האָט אים איבערגעלאָזט אין מיטן רעדן און צוגעלאָפן צו פּראָפעסאָר באָדעם און דאָקטאָר סאָלאָמאָן וועסטקליף, וועלכע האָבן זיך גענומען געזעגענען מיט מיסעס קאַלעכשטיין און זי, קלאַראַ וואַנסמאַן, האָט זיך פאַר זיי אַליין פאַרגעשטעלט...

6

צווישן איין זשמיט אָפּגעקלאַפּטע שורות און אַ פרישן זשמיט וועירטער, האָט בעטסי שעמטאָוו אַ סמאַטשקע געטאָן דאָס ציגאַרל מיט די רויט געפאַרבטע, פּעבקע ליפּן און אַרויסגעלאָזט שנירלעך רויך, ווי בלאָע, דורכזיכטיקע קרעלן. זי איז אַרומגעשפּרונגען מיט די גראָב־טשיקע פינגער איבער דעם שרייב־קעסטל און די אותיות זענען גע־פלויגן מיט אַ טומל און זשום, ווי שטיקלעך שטרוי און פּלעווע פון דער דרעש־מאַשין....

זי האָט אָפּגעטרעסעט דאָס אַש, ווידער אַריינגעלייגט דאָס ציגאַרל אין מויל אַריין, דערלאַנגט חיים אייזבערג אַ ווייכע, וואַרעמע האַנט און אים אָנגעוויזן אויף אַ לעדערנעם שטול.

— זיצט...

דער איבערזעצער, וואָס איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער דער ביכער־פּאָליצע, האָט אַריינגערוקט צוויי פינגער צווישן די בלעטלעך פון אַ דיקן ווערטער־בוך, אַנטקעגן געטראָגן חיים אייזבערג אַ הויכן „העלאָו" און זיך צוריקגענומען אַריינקוקן אין אַן אַנדערן בוך. ער האָט עפּעס פאַרצייכנט, אונטערגעשטראָכן און אַרויסגעלייענט אויפן קול אַ שטעלע פון ישראל זאַנגוויל'ס „די קינדער פון געטאָ"..

— שעמטי! ווייז מיסטער אייזבערג די איבערזעצונג... איך פאַר־שטיי, אַז ער איילט זיך... ער קען איצט נישט זיין צו לאַנג אַוועק פון דער היים... — ווי גייט עס אייער פרוי?.. ווען רעכט זי זיך?...

מיסטער שעמטאָוו האָט צוגעבראַכט די איבערזעצונג, ווי אַ טייערע מתנה און געוואַרט חיים אייזבערג זאָל זיך דערפילן איבער־וועלטיקט...

חיים אייזנבערג האָט פאַרלענגן געשמייכלט צו מיסעס שעמטאָוו און נישט געוווסט, וואָס איר צו ענטפערן. ער האָט זיך אָפּהענטיק איינגעקאַרטשעט און גענומען דעם מאַנוסקריפּט...

פון דער ערשטער שורה אָן איז זיין דערציילונג אין מיסטער שעמטאָוו'ס איבערזעצונג געגאַנגען זער גלאַט, ווי אויפגעוויקלט אויף אַ קלעצעלע פון פאָדעם. דער ספּור־המעשה איז געווען צענויפגעלייגט און אָפּגעלעגט, ווי אין דער שאַפע וועש ביי אַ באַלעבאָסטע אַ בריה...

די זאַצן וואָס האָבן זיך ביי חיים אייזנבערג שטענדיק געצווייגט, אָפּגעצווייגט און פאַרצווייגט און איינער דעם אַנדערן ארומגענומען, ווי די פולע אָליאַקעס, אָנגעטאָן אין פרישע, גרינע בלעטער, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך תמיד שטיפעריש פאַרשטעקט און איינגעטוליעט פאַרגלייכן און בילדער, ווי זאַפטיקע עפּל, אָדער גרויסע, רייפע אָנגע־גאָסענע באַרן, באַגלייך זיי וואָלטן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש, די זעלבע זאַצן זענען איצט געלעגן אָפּגעפליקט און אויסגעשיילט ווי אין אַ קעסטל, וואָס גייט אין מאַרק אַריין....

חיים אייזנבערג האָט געפילט ווי די דערציילונג וואָלט אים פאַר־פרעמד געוואָרן, ווי זי וואָלט פאַר אים איצט געלעגן טויט און קאַלט און אָן אַן נפקא־מינא. . . .

בעטסי שעמטאָוו האָט אַרויסגעדרייט פון דער שרייב־מאַשין דעם בריוו צו חיים אייזנבערג'ס פאַרלעגער און אים דערלאַנגט איר מאַן. דער איבערזעצער האָט דעם בריוו איבערגעקוקט, אונטערגע'חתמ'עט און אים צוגעטשעפּעט צו דער איבערזעצונג פון חיים אייזנבערג'ס דערציילונג.

בעטסי האָט גיך אַריינגעדרייט אַ פרישן בלעטל פּאַפּיר אין דער מאַשין אַריין און זיך גענומען קלאַפּן נאָך אַ בריוו צו דעם זעלבן פאַר־לעגער, נאָר מיטאַמאָל איז איר איינגעפאַלן, אַז ס'איז בעסער אַריינ־צולייגן אין איין קאָנווערט מיט חיים אייזנבערגס דערציילונג אויך אַ קאַפּיטל פון דער איבערזעצונג פון אַדאָלף אָפּטריט'ס בוך „שלום מיטן קרייץ" אוןביידע אויסצוגן קענען גיין מיט איין בריוו... איז, אויב דעם פאַרלעגער וועט נישט געפעלן חיים אייזנבערג'ס זאַך, וועט ער

אפשר וועלן אַרויסגעבן דעם בוך „שלום מיטן קרייץ"...

„שלום מיטן קרייץ" קען זיך זער גוט פאַרקויפן און אַמאָל קען עס נאָך ווערן אַ „בעסט סעלער"... — „איט איז עי גוד איידיא, שעמטי, איזנ'ט איט" ?...

— „רייט יו אַר" — האָט דער איבערזעצער געענטפערט און זי צופרידן אָנגעקוקט....

בעטסי שעמטאָוו האָט געהייסן דער דינסט אַריינברענגען דאָס קינד.

— גרים דיך צום „דזשענטלמען" גלאָריאַ. —

— „העלאָו ביג גערל" — האָט חיים אייזנבערג זי אָנגענומען ביים הענטל און זיך נישט געקענט העלפן, מיט אַ מין אינערלעך אָפּשטויסנדיק געפיל צו באַמערקן דעם שניט פון די ליפּאַלעך, וואָס האָבן זיך גליטשיק אַראָפּגעלאָזט, ווי דאָס מויל פון דעם איבערזעצער און דאָס נעזל העזה'דיק פאַרשאַרט, ווי ביי דער מאַמען...

די קליינע גלאָריאַ, גלייך פון דער באָד אַרויס, איז געווען איינגעהילט אין ווייכע פּידזשאַמעס און אין אַ ראָזע, זיידן שלאָף־ראָקל, וואָס איז געווען געבעטט מיט פיינער וואַטע און דורך און דורך געשטעפּט מיט קראָשע און צלם־שטעך, אויסגענייט מיט קרולעקלעך און הינדעלעך, וואָס שפּילן זיך אַרום די מאַנזשעטן און אין די עקן פון דעם זוים.

דאָס קינד האָט נייגעריק געקוקט אויף חיים אייזנבערג, געלאַכט, געפּלאַפּלט און פעסט צוגעדריקט צו זיך דעם נייעם, אויסגעשטאָפּטן „טעדי־בער", מיט דעם גרויסן, זיידענעם שלייף.

— „גוד נייט מאַם ענד דעד"...—

— „גוד נייט דאַרלינג, גאָט בלעס יו גלאָרי דיר"...—

גלאָריאַ האָט אַ קוש געטאָן בעטסי שעמטאָוו און דעם איבערזעצער און איז געגאַנגען מיטן דינסטמיידל אין איר צימער.

— ווי וואָלט אייך געפעלן צו האָבן אַזאַ טעכטערל ? — האָט בעטסי שעמטאָוו צעשפּיצט די לאַנגע, אונטערגעפּירטע וויעס, וועלכע זענען געווען אַרויפגעבערשט און צוגעשמירט מיט שוואַרצער

פּוּץ, באַגלייך זי וואָלט אים געוואָלט מיט זיי אַ קיצל טאָן...

— זי איז זער אַ שיין קינד — האָט חיים אייזנבערג אַ זאָג געגעבן, כדי פּטור צו ווערן פון אַן ענטפער.

דער שמועס האָט זיך ווייטער געפּלאָנטערט אָן אַ באַשטימטן אינטערעס, און קלעבערצדיק זיך געריסן, ווי שפּינוועבס.

חיים אייזנבערג האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין, נאָר בעטסי שעמ־טאָוו האָט מיט אַ זיס שמייכעלע אים געבעטן צוצוּוואַרטן אַ מינוט און זי איז אַרויס אין צווייטן צימער אַריין און געבראַכט צוטראָגן אַ פּעקל מיט קינדערישע קליידעלעך און וועסטעלעך, לייבעלעך, העמ־דעלעך און אונטערהייזלעך, וואָס זענען אויף גלאָריא'ן קליין געוואָרן און זענען איינגעלאָפן פונם וואַשן.

— נעמט מיט דאָס פּעקל זאַכן, מיסטער אייזנבערג, איר וועט עס דאַרפן האָבן, אייער פרוי וועט עס צונוצקומען...

חיים אייזנבערג האָט זיך אינערלעך אָנגעצונדן, נאָר ער האָט זיך געשעמט אַרויסצוּווייזן, אַז ער האָט זיך באַליידיקט און איר געפּרוּווט גאַנץ העפלעך דערקלערן, אַז ער נויטיקט זיך נישט אין דעם....

בעטסי שעמטאָוו האָט עס אים אָבער אַריינגעשטופּט אין די הענט אַריין און אים געהאַלטן אין איין צורעדן, אַז ער זאָל עס נעמען.

ווי נאָר חיים אייזנבערג האָט זיך דערלעבט צו זען פון יענער זייט טיר, האָט ער מיטן גאַנצן כח ווייט אַ שמיץ געטאָן דאָס פּעקל שמאַטעס, און אין גאַנג צו דער אונטערגרונט־סטאַציע האָט ער אויפן וועג נאָכ־אַמאָל מיט כעס אַ שליידער געטאָן דאָס אַלטע פּעקל...

פאַרטייטשטע ענגלישע ווערטער

ביזנעס — מסחר
סאַפּער — אָוונט־ברויט.
דאַרלינג — טייערער.

בייבי — קינד.
פּודינג — קוגל.
שאָפּ — געוועלב.
איסט־ענד — יידישע געגנט.
טי טיים — פאַרנאַכט־עסן, (וואַרעמעס)
אָלדגייט באָיעס — ווייטשעפּעלער ווילדע יונגען.
טשעמפּיאָן — מייסטער.
האו טעקטלעס, נאָ סענס, נאָ רעספּעקט — ווי טאַקטלאָז, קיין פאַר־
שטאַנד, קיין דרך ארץ.

קייק — קוכן.
קווייעט פּליז — מיר בעטן ס'זאָל זיין שטיל.
פּייסטרע — געבעקס.
סיט דאַאון — זעץ דיך אַנידער.
היר, היר — האָרכט נאָר ווי ריכטיק
דעוועגשייער ספּליטס — ספּעציעלע געבעקסלעך.
קאָמיוניטי — געמיינדע, קהלה.
מעט — ראָגיזשקאַלע.
לאָיער — אַדוואָקאַט.
אַפּטער יו — גייט איר פאָרויס.
סענס אָף היומאָר — זין פאַר הומאָר.
העלפּ יורסעלף — באַדינט אייך, באַדין זיך אַליין.
טו טהע פּוינט פּליז — צו דער זאַך, ביטע.
ליידיס — דאַמען.
וויל יו העלפּ יורסעלף וויט טהע האָט דאקס — נעמט הייסע וורשטלעך.
טהענק יו, נאָ — אַ דאַנק, ניין.
איי'ל העוו סאָם פרוט — כ'וויל נעמען אַ פרוכט.
דעד — פאָטער.
בערעס — שלעפּ־וועגעלעך אויף צוויי רעדער.
באָרד־אָף דעפּיוטיס — ענגלישע קהלה.
העלאו ביג גערל — וואָס מאַכסטו גרויסע מאָד (מויד).
איט איז עי גוד איידיא שעמטי — ס'איז אַ גוטער איינפאַל, שעמטי.
איזנט איט — נישט אַזוי.
רייט יו אַר — ביזט גערעכט.
בעסט סעלער —אַ בוך וואָס פאַרקויפט זיך שנעל, אין גרויסע מענגעס.
גוד נייט דאַרלינג — אַ גוטע נאַכט טייערינקע.
גאָד בלעס יו גלאָרי דיר — גאָט'ס ברכות אויף דיר, גלאַרי טייערע.

קידנעפּן — אַוועקכאַפּן, צו קענען אַרויספּרעסן אויסקויף־געלדט.
קלאַרק — ביוראָ אָנגעשטעלטער.
קאָנטריביושאָן — מיטגליד אָפּצאָל.
קאָמיטי פּיפּל — מיטגלידער פונם קאָמיטעט.
ווי דאָנ'ט וואָנט טהעט סטאַף — מיר ווילן נישט די סחורה.
ווי וואָנט יור מאַני, קאָם אָן — מיר ווילן דיין געלדט, אַהער דאַמיט.
סטיואַרד — אויפזעער.
האאום אָפיס — מיניסטעריום פאַר אינערלעכע ענינים.
קאָקני — ספּעציפישער אַקצענט.
פעלוא טרעוולער — בלויז אַ פריינט פון דער פאַרטיי, אַ נאָכלויפער.
לעוואַטאָרי — קלאָזעט.
פּייפּער — צייטונג, בלאַט.
קאַפּ־אָף־טי — אַ טעפל טיי.
גוד ביי — אַ גוטן טאָג.
מעמבער — מיטגליד.
טשערמאַן, וויס־טשערמאַן, טרעזשורער — פאָרזיצער, וויצע־פאָרזיצער, קאַסירער.
ספּיק יידיש — רעד יידיש.
איי אַנדערסטענד — איך פאַרשטיי.
איי נאו — איך קען.
מיי גרענד פּערענטס אָלוועיס טאָלקט יידיש טאָ מי — מיין זיידע און באָבע האָבן תמיד גערעדט יידיש צו מיר.
ביזי — פאַרנומען.
קאאונטער — בופעט.
סטעמפּס — מאַרקעס, צעטעלעך.
דיסאַפּוינטן — אַנטוישן.